ד. קורלאנד

# ביבליאָגראַפיש־קריטישער איבערזיכט איבער דער ליטעראַטור וועגן פּ. מאַרקישן

מיר זאָגן זיך אָפּ פון צו געבן א ביבליאָגראַפיש-קריטישן איבערזיכט פון דער אויסלענדישער בורזשואזער קליינבירגערלעכער קריטיק וועגן מארקישן, עס איז א נודנער איסעק ריידן וועגן די „אויסגיסעכצן" פון די ניגערס, צייטלינס, מײַזעלס און אנדערע אויך-מיר-קריטיקער. דאָ וועלן מיר זיך נאָר באַגרענעצן מיט אן איבערזיכט איבער דער סאָוועטישער קריטיק און אויך דאָס נאָר וועגן די מער וויכטיקע ארטיקלען און ארבעטן, וואָס זײַנען פאראנענע וועגן מארקישן.

I

י. דאָברושין — „דרײַ דיכטער" („געדאנקענגאנג", זז. 75—100, קאָאָפּעראַטיווער פארלאג „קולטור־ליגע", 1922).

די „דרײַ דיכטער" (האָפשטיין, מארקיש, קוויטקאָ) זײַנען בלויז מעכאניש פאראייניקט אין איין ארטיקל, ווײַל עס איז ניט אָנגעוויזן בא דאָברושינען, וואָס אייגנטלעך פאראייניקט אָט די גרופּע אידעאָלאָגיש-קינסטלעריש. עמעס, אין ערשטן קאַפּיטעלע פון דעם ארטיקל פארמעסט ער זיך געבן א פאראלגעמיינערטן איבערבליק איבער דער ייִדישער פּאָעזיע און אײַנשליסן אין איר די דרײַ „נײַע". נאָר אָנשטאָט דעם, פארנעמט ער זיך פאקטיש מיט א שכאָלאסטישער אין טאָך פראגע, פארוואָס „האָט ייִדישע ליד פארנומען „אַד איינ לעשאָער" א קלענערן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור, איידער די ייִדישע פּראָזע". סכאָלאסטיש איז די פראגע דערפאר, ווײַל, ערשטנס, איז די אידעאָלאָגיש-קינסטלערישע קלאסן־דיסטאנץ צווישן „מענדעלע—שאָלעם אליכעם—פּערעץ" פון איין זײַט און „פרוג—ראָזנפעלד—רייזין" פון דער צווייטער — גאָרניט אזא גרויסע, ווי ער שטעלט זיך פאָר. צווייטנס, פארגעסט ער ניט נאָר אָן דער ארבעטער-דיכטונג (וועלכע פאסט זיך טאקע ניטאריין אין די „נאציאָנאל-קלאסישע הייכן" פון דער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער ייִדישער ליטעראטור), נאָר אפילו אָן פּערעצן גופא, אָן פּערעץ דעם דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט „מאָניש". דעם ענטפער, וואָס ער גיט אָפּ דער „פראגע", איז שוין נאטירלעך אן אידעאליסטיש־מעטאפיזישער: אָנשטאָט פרווון זיך אופדעקן די קלאסן-דעטערמינירטקײַט פון ליטערארישע זשאנרען, גראָבט ער אויס א טהאָם צווישן דיכטונג און פּראָזע ביקלאל.



קיין שום אלגעמיינעס צווישן מארקישן, קוויטקאָ און האָפשטיינען קען ער טאקע ניט אָנווײַזן, אויב ניט רעכענען א פּאָר שורעס מליצע וועגן „יונגע שטראָמענדיקע קוואלן, וואָס גיסן זיך פאנאנדער... און באפרוכפּערן גרויסע נײַע שעטעכן פון ייִדישן געפיל און געדאנק". די ווײַטערדיקע דרײַ קאַפּיטלען פון ארטיקל באהאנדלען שוין יעדערן פון די דרײַ דערמאָנטע דיכטער גאנץ באזונדער, אָן קיין שום געמיינזאמקייט אָדער קעגנשטעלונג.

דירעקט וועגן מארקישן גייט א רייד נאָר אין קאַפּיטל נום. 2 (זז. 77—84). דער קאַפּיטל איז טאקע דער בעסטער ניט נאָר פון דעם ארטיקל, נאָר ווי מיר שײַנט, פון דעם גאנצן בוך.

אין זײַן צײַט (1919) האָט דער ארטיקל געהאט א געוויסן פּ אָ ז י ט י װ ן ווערט דערמיט, וואָס דאָברושין באנוגנט זיך דאָ ניט מיט רעגיסטרירן און קאָנסטאטירן פאקטן, נאָר ער לערנט, ווײַזט אָן כעסרוינעס און פּאָדערט אויסמײַדן זיי.

דאָברושין האָט ריכטיק ד ע ר פ י ל ט דעם גרונט-כיסאָרן פון מארקישעס „שוועלן". דאָס איז זייער „העפקיירעס", מארקישעס „ציללאָזער לױפן", זײַן „דרייען זיך" אין „פּוסטן כאַלאָל", וועלכן ער האָט ניט מיט וואָס צו פארפילן, דאָס פעלן פון א „קאָנקרעטן לעבן-אינהאלט" ביקלאל. ער פאָדערט פון דעם יונגן דיכטער א „קאָנקרעטע אידייִשע וועלט-אָפּשאצונג", „אײַנהאנדלען" „נײַעם שטאָף", „וואָרום נאָר אן אָנגעלאָדענער מיט נײַעם דערוואָרבענעם פּראָבלעם־אינהאלט, מיט נײַעם קולטור-אינהאלט, וועט מארקיש קענען אריבערטרעטן אריבער זײַנע ערשטע און יונגע שוועלן און וועט קענען אופשטעלן דעם שיינעם דיכטערישן ביניען, אף וועלכן עס האָט רעכט זײַן אָריגינעל-פרישער און שטארקער טאלאנט".

די אַלע כעסרוינעס האָט אָבער דאָברושין בלויז „דערשפּירט", אָבער ניט „טויפעס געווען", ווײַל ער האָט ניט פארשטאנען זייערע קלאסעווע וואָרצלען, זייער סאָציאַלע דעטערמינירטקײַט. מארקישעס וועג איז, לויט דאָברושינען, „זײַן אייגענער וועג", מארקישעס עמעס איז „דער עמעס פון זײַן אייגענעם איך" — ניט פון א באשטימטן קלאסן-שיכט. דעריבער גייט זײַן קריטיק ניט פון קיין ריכטיקע פּאָזיציעס, דעריבער זעט ער ניט מארקישעס ראדיקאליזם פון אָט דעם „צולאָזן לױפן" און „העפקיירעס" אין קעגנזאץ צו האָפשטיינס נאציאָנאליסטישער „אָלימפּישער רו". און בעעמעס, וואָס פאר א „קאָנקרעטן לעבן־אינהאלט", וואָס פאר א „נײַעם שטאָף" פאָדערט ער פון דיכטער „אײַנצוהאנדלען", וועלכע „קאָנקרעטע אידייִשע וועלט-אָפּשאצונג" דארף דער דיכטער זיך דערווערבן?

דער דיכטער דארף אײַנשאפן זיך, זעט איר, קוידעמקאָל, א „זעלבשטענדיקן פּסיכאָלאָגיש-וועלטלעכן אינהאלט", „סינטעטישע בילדער־סימוואָלן". דער גרונט־כיסאָרן פון מארקישעס ליד איז, „וואָס זי ליגט אף איר אייגענעם אריבערפלאך. מארקישעס ליד איז ניט גענוג פארטאָן אין זיך". זײַן ליד, זעט איר, איז „צופיל פארשטענדלעך", צופיל קלאָר און אויבנאויפיק. דער דיכטער דארף זיך מער פארטראכטן, מער פארטיפן. קורץ, מארקיש דארף אָפּווארפן זײַן סכעמאטיזם, ווי דאָברושין פארשטייט עס, זײַן „מליצע" אין נאָמען פון עפעס א העכערער, אויבערקלאסיקער עסטעטיק אין נאָמען פון ליבע צו „אייביקײַט". סאָפקאָלסאָף, האָבן מיר שוין דאָ פאר זיך איינעם פון די פילצאָליקע

פרוכט אראָפּצוזעצנ מארקישנ. ס'לאָזט זיכ אויס, אז דאָבּרושינס טענות זײַנענ געווענדט ניט אזוי קעגנ מארקישעס פוטורופאסעיזמ, ווי קעגנ זײַנ אויסגעטאָנקײַט פונ דעמ „קאָנקרעטנ לעבנ־אינהאלט", מיט וואָס ס'איז אָנגעזעטיקט די דיכטונג פונ האָפּשטײנ אונ אנדערע מער רעכטע פאָרשטייער פונ דער „קיִעווער גרופּע" — נאציאָנאליזמ, ביבלישע בילדערישקײַט א. א. וו. קלאָר, אז ניט דאָבּרושינ האָט געקענט געבנ די געהעריקע דערקלערונג פונ די סטירעס אינ מארקישעס דיכטונג. אפ וועלכע ער אלײנ ווײַזט אָנ.

## II

נ. אויסלענדער — „פערעצ מארקיש" („ווענ אײַנ ווענ אויס", קאָאָפּעראטיווער פארלאג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1924, ז. 110—121).

אינ וועמעס נאָמענ דיכטעט מארקיש?

„אינ נאָמענ פונ „אלזײַנ"...

וואָס איז די טרײַבקראפט פונ זײַנ דיכטונג?

— „דער געפיל פונ איבערנאטירלעכקײַט", אונ ביקלאל „אינערלעכע אײגנשאפטנ"...

וואָס זײַנענ עס פאר אנ אײגנשאפטנ?

— „פּאָעטישע נאטור", „דיכטערישער געפיל, וואָס וויל דורכויס שטײַג אויסער יעטווידע רעגעלנ אונ מאָסנ", „קינסטלערישע פרײַהײַט" („אונ אויב מארקיש האָט ווענ עס איז וועגנ „פרײַהײַט" דערמאָנט, האָט עס איר פרײַהײַט (דער קינסטלערישער — ד. ק.) געזאָלט זײַנ"), „בארבארישע הארמאָניע" אונ נאָכ אונ נאָכ. אָבער, „דער אורקוואל" פונ מארקישעס קונסט איז די „מארקיש־פאנטאזיע". פונוואנענ קומט צו מארקישנ „דער ריטמ פונ האסטיקנ גאלאָפּ", זײַנ „ריס צו הייכנ", דער „פארגליווערטער פאטאָס", זײַנ אבסטראקטקײַט, „דער בראָכווארג פונ לעגענדארישקײַט"? מיט וואָס דערקלערנ זיכ די אלע סטירעס פונ מארקישעס שאפונג־פּראָצעס: „אומבאהאָלפענע אבסטראקטקײַט" אונ „אידילישער קאָנקרעט", „הארמאָניע" אונ „דיסהארמאָניע", „קעגנווארט־קונסט" אונ „לעגענדארער קאָלאָריט" מיט „היסטאָרישע אויסגעשרייענ" א צוגאָב? פונוואנענ שטאמט אָט דער „אויסגעמיש פונ סטילנ", וואָס מיר זעענ בא מארקישנ, זײַנ „אינערלעכע צעשטויבטקײַט", „די צעפאלנקײַט פונ קינסטלערישנ אקט"?

— „איבערנאטירלעכ אויסמישנ פארשיידענע דיכטערישע פּראָצעסנ — אָט דאָס איז דער באפעל פונ מארקישעס בארבאריזמ".

אָבער, „בארבארישע קונסט" איז דאָכ אויכ מער אָדער ווייניק אײנהײַטלעכ אונ אָרגאניש?

יאָ, אוודע. נאָר „מארקישעס בארבארישע קונסט האָט פארלאָרנ איר גאנצקײַט אינ גאנג פונ יענע ווירקונגענ, וואָס האָבנ אפ אימ א שליטע באקומענ".

וואָס זײַנענ עס פאר א ווירקונגענ?

פארשטײט זיכ — „א מישמאש פונ פרעמדע ליטעראַרישע ווירקונגענ".

נו, איצטער איז שוינ „אלצ קלאָר"...

ווײַבאלד — „ליטעראַרישע ווירקונגענ" אונ דערצו נאָכ „פרעמדע" — איז



אראָפּ אלע קאשעס. געזאָלט האָט קלוימערשט מארקישעס קונסט זײַנ אנ „אײגנטלעכע", אָדער אײגנטימלעכע — זײַנענ געקומענ די בייזע פרעמדע ווירקונגענ אונ געשאפנ „א בייז ווונדער פונ א פארמיסטיקטנ קונסט־קוואל".

טאקע א בייז וווּנדער!

אזוי אָ „פארענטפערט" א טיפּישער פאָרמאליסט די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמעס פונ ליטעראטור. אומזיסט וועט איר בא אימ זוכנ דעמ שרײַבערס אידייעס, דעמ קלאסנ־כאראקטער פונ זײַנ קונסט. ניטאָ דאָרטנ ניט קײנ עקאָנאָמישע באזע, ניט קײנ קלאסנקאמפ, ניט קײנ רעוואָלוציע. פאראנענ זײַנענ נאָר „גיגאנטישע סיוזשעטנ", וואָס אימפּאָנירנ דער קינסטלערישער פאנטאזיע.

פארנ פאָרמאליסט עקזיסטירט נאָר „סטרוקטור" (אינ פאָרמאליסטישנ זינענ פארשטאנענ), „בוי־קונסט" פונ א קינסטלערישנ ווערק, אונ דאָרטנ ווו „קײנ בוי־קונסט איז קימאט ווי ניטאָ" (ווי מיר האָבנ דעמ פאל בא מארקישנ) איז עס „א בייזער וווּנדער", א פארמיסטיקטער דורכ פרעמדע ווירקונגענ קונסט־קוואל.

קאָנקרעט, אינ מארקישעס „סטאמ" איז נאָכ פאראנענ „דער אײגנטלעכער געפילנגאנג פונ דעמ בוכ, וואָס איז פארבונדנ מיט רעוואָליוציע־מאָטיוונ". אָבער ניט מער ווי אויסערלעכ פארבונדנ.

* * *

אזוי האָבנ צוויי פאָרמאליסטנ, עקלעקטיקער, געפּרווט „לייזנ" א רײ וויכטיקסטע פּראָבלעמעס פונ אונדזער נאָכ־אָקטיאבערדיקער ליטעראטור — די פּראָבלעמ פונ אָנהייב־דיפערענציאציע אינ די רייענ פונ די מיטלויפער־שרײַבער; די פּראָבלעמ פונ קלאסנקאמפ, ווי עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אינ דער ליטעראטור; די פּראָבלעמ פונ נאציאָנאלער פאָרמע; פונ סטילנ־איבערפלעכט, ווירקונגענ א. א. וו. א. וו. ניט נאָר וואָס זיי זײַנענ ניט געווענ בעקויעכ צו לייזנ אזעלכע פּראָגעס, נאָר אפילע בלויז אוועקשטעלנ זיי ווי געהעריק זײַנענ זיי ניט געווענ אימשטאנד, אדאנק זייער קלאסעווער באגרענעצקײַט אונ קורצזיכטיקײַט.

## III

1) מוישע ליטוואקאָוו — „אינ אומרו". ב. 2, פארלאג „שול אונ בוכ", מאָסקווע, 1926 (ז. 23, 73, 85, 89, 110, 141, 152, 192-193, 196-197).

2) „אפ צוויי פראָנטנ", צענטרפארלאג, מאָסקווע, 1931 (ז. 15, 34, 37, 93, 97-98).

כאראקטעריסטיש איז שוינ דאָס, וואָס וועגנ מארקישנ (א. ד. גל. וועגנ צענדליקער אנדערע סאָוועטישע אונ פּראָלעטארישע שרײַבער) האָבנ מיר ניט בא ליטוואקאָוונ קײנ אײנ גרעסערנ אָדער קלענערנ ארטיקל. אינ די בײדע אויבנ־אָנגעוויזענע בענדער קריטיק זײַנענ וועגנ מארקישנ פאראנענ נאָר פארבײַגייענדיקע באמערקונגענ, קורצע דערמאָנונגענ בא פארשיידענע געלעגנהייטנ. ליטוואקאָוו האָט אונדז ניט געגעבנ, ניט די קלאָרע קלאסעווע כאראקטעריסטיק פונ מארקישנ, ניט דעמ אלגעמיינעמ בילד פונ מארקישעס קלאסעווער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער עוואָליוציע, אונ אוודע שוינ ניט קײנ גענויעמ קריטישנ אנאליז פונ זײַנע ווערק.

אין דער אָפּגעריסנקייט פֿון קאָנקרעטער קריטיק ליגט דער גרונטפֿעלער פֿון כ׳ ליטוואַקאָוס מעטאָד. ליטוואַקאָוו האָט דעריקער צו טאָן מיט פֿעריאָדן, פּראָצעסן, גרופּירונגען. סכעמאַטיש גענומען אָבער זייער חייניק מיט קאָנקרעטע שרײַבער און קאָנקרעטע ווערק. איינצלנע שרײַבער, איינצלנע ווערק ווערן נאָר גענומען ווי איליוסטראַציעס צו אַלגעמיינע סכעמעס, אַלגעמיינע פּראָצעסן.

ס׳ערשטע מאָל שטעלט זיך אָפּ ליטוואַקאָוו וועגן מאַרקישן אין זײַן רעצענזיע וועגן זמ״ב „אייגנס“. דער אַרטיקל, דאַטירט דעקאַבער 1918, איז אָבער לעגאַבע דער דעמאָלטיקער קורצער רעצענזיע אין „ביכער-וועלט“, 1919,1, אויסגעוואַקסן אין 1926 אין 4 אָדער מער מאָל. ניט געקוקט אָפּ דעם, איז דער טייל, וועלכער באַהאַנדלט די דעמאָלטיקע נײַע דיכטער (האָפּשטיין, שוואַרצמאַן, קוויטקאָ, מאַרקיש) געבליבן אַזוי ווי ער איז געווען. וועגן מאַרקישן זײַנען דאָ פֿאַראַנען בלויז אַ פּאָר שורות, אַז „בײַ מאַרקישן געפֿינען מיר סימאָנים פֿון גויווער זײַן דאָס נאַציאָנאַלע אין דער יידישער ליריק“, און אַז אין זײַנע לידער „שלאָגן שוין קוואַלן פֿון אוניווערסאַליזם, פֿון דעם באַפֿרײַטן מאַסן-יאָכיד איבערהויפּט“. ביכלאַל ווערן דאָ די דיכטער באַטראַכט פֿון אַ לאָמדישן שטאַנדפּונקט: האָפּשטיינס „ליריק“ איז אַ ריין-טאַלמעדכאָכעמישע, „ער שטאַמט פֿון שול-געסל“. שוואַרצמאַן איז שוין ווייניקער טאַלמידכאָכעם. אין קוויטקאָס פּאָעזיע האָט „דאָס קוילער-געסל עקספּראָפּרייִרט דאָס שול-געסל“, און מאַרקיש איז שוין טאַקע אַ העפקער-יונג: „העפקער“ און „וועלט“ זײַנען די באַליבטסטע אויסדריקן מאַרקישעס“. דער אויספֿיר, אַז „קוויטקאָ און מאַרקיש זײַנען צוויי גרויסע אָנזאָגן פֿון גאָר אַן אַנדער דיכטונג, אַ דיכטונג פֿון מאַסן“ איז אין 1918 יאָר געווען עפּעס גאַנץ ראַדיקאַל, פֿאַרן 1926 אָבער—זייער מאָגער און אַלגעמיין.

די דאָזיקע אַלגעמיינע אומקלאָרקייט געפֿינען מיר אויך אין די שפּעטערדיקע אַרויסזאָגונגען. אין אַרטיקל וועגן „שטראָם“ („ערעוו אָדער יסורע־כאַגי“) דערמאָנט ליטוואַקאָוו מאַרקישן עטלעכע מאָל. קיין נײַס אָבער גיט ער ניט צו. פֿאַרקערט, דאָ פֿעלט אַפֿילו די פֿריִערדיקע טאַלמידכאָכעמדיקע דיפֿערענציאַציע. אָפּ האָפּשטיינען, שוואַרצמאַנען, קוויטקאָן און מאַרקישן לייגט כ׳ ליטוואַקאָוו אַרויף „די גרויסע שליכעס פֿאַרצוזעצן די רעוואָליוציאָנערע מעסורע אָפּן געביט פֿון ליטעראַטור“. דאָס דאַרפֿן זיי אויספֿילן צוזאַמען מיטן ניסטער און בערגעלסאָן און אַ ריי אַנדערע „קיִעווער“. אָט די אַלע סאָציאַל־פֿאַרשיידענע שרײַבער באַטראַכט ליטוואַקאָוו (ווי די קולטור-געשיכטלעכע קריטיקער באַלמאַכשאָוועס און אַנד.) ניט נאָר געאָגראַפֿיש, נאָר אויך סאָציאַל צו איין „קיִעווער גרופּע“: „מיטן סאָציאַל-קינסטלערישן אינהאַלט פֿון זײַן שאַפֿן איז בערגעלסאָן לעכאָטכילע געוואָרן נאָענט דעם אַרבעטער“. „אָשער שוואַרצמאַן און קוויטקאָ, האָפּשטיין און מאַרקיש—דאָס זײַנען אַלץ קינדער פֿון דער אופּגערודערטער מאַסע פֿון נײַע שיכטן, וועלכע פֿאַרמאָגן גאָר אַ נײַע און אייגענע שפּראַך, נײַע און גאָר אייגענע אויסדרוק־מיטלען“. אַלע פֿאַרמאָגן זיי, הייסט עס, איין שפּראַך און איינע אויסדריק-מיטלען. דאָס אַלץ איז געשריבן שוין נאָך האָפּשטיינס „ליד פֿון מײַן גלײַכגילט“, וועלכע כ׳ ליטוואַקאָוו שטעמפּלט אינעם זעלביקן אַרטיקל, ווי אַן „אידעאָלאָגישן מאַניפֿעסט פֿון יידישן קליינבירגערטום (?) אין דער עפּאָכע פֿון אָנהייב נעפּ“, ווי אַ צעירי-ציאָניסטישן



הימן. עמעס, אויך קוויטקאָ און מאַרקיש האָבן דאַן געבלאָנדזשעט אין דער עמיגראַציע, אָבער, „אויסמישן די שפּראַכן“ פֿון דער „קיִעווער גרופּע“ האָט מען אויך דאַן ניט געטאָרט, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס אַכוץ די „קיִעווער“ באַמערקט דער כ׳ ליטוואַקאָוו לאַכלוטן קיינעם ניט...

אינעם זעלבן באַנד (110, 152) זײַנען פֿאַראַן נאָך צוויי באַמערקונגען וועגן מאַרקישעס נײַער האַמויִנישער שפּראַך און בילדערישקייט. נאָר דאָ ווערט שוין די קאָמפּאַניע גרעסער. צו דער גרופּע שוואַרצמאַן-האָפּשטיין און איבעריקע קומען נאָך צו רעזניק, קושנעראָוו און אַפֿילו פֿעפֿער. דער „צוזאַמענשלוס“ ברייטערט זיך...

אינעם לעצטן אַרטיקל פֿון דער זאַמלונג (זז. 196, 197) איז שוין פֿאַראַן אַ פּרוּוו צו דיפֿערענצירן אָטאָ די ערשטע פּלעיאַדע סאָוועטישע דיכטער, „וואָס האָבן זיך פֿאָרמירט אונטער דער ווירקונג פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און פֿון ערעוו פֿעוורואַל־רעוואָליוציע“. קוויטקאָ ווערט דאָ גאַנץ ריכטיק כאַראַקטעריזירט, ווי „אַן עמעסער מאַסן-מענטש, אַ קליינבירגערלעכער אַמכאָ, געוואָנדט מיטן פּאָנעם פֿאָרויס צו דער פּראָלעטאַרישער סטיכיי“. „האָפּשטיין איז שוין אַ מער קלאַסן־באַוווּסטזיניקער קליינבירגער, ער איז דער פֿעוורואַל-אינטעליגענט פֿון דעם אופֿגערודערטן יידישן האַמוין, טראָגט ער אין זיך... נאַציאָנאַלן אומרו“. „שוואַרצמאַן—אַן אינערלעך-גאַנצער פֿאָלק-מענטש, מיט אָרגאַנישע רעוואָליוציאָנערע נעטיִעס“. „דערפֿאַר איז מאַרקיש דער העפֿקער-מענטש פֿון דער דאָזיקער אופֿגערודערטער כאַליאַסטרע, ער איז דער „באָסיאַק“, וואָס אַלץ איז פֿאַר אים „קײַ און שפּײַ“, אָן טראַדיציעס און צוזאַמענבונדן“.

אָט די דיפֿערענציאַציע איז גיכער אַ סכעמאַטיש-פּסיכאָלאָגישע, איידער אַ קלאַסעווע, אַן אידעאָלאָגישע. דער קלאַסעווער אונטערשייד צווישן „אינערלעך גאַנצן פֿאָלק-מענטשן“ און דעם „באָסיאַק“ איז דאָ ניט „זייער“ קלאָר. זיי אַלע ווערן דאָ פֿאַררעכנט צום קליינבירגערטום, כאָטש עס איז, אָן שום סאָפֿעק, קלאָר, אַז האָפּשטיין פֿון יענעם פּעריאָד (ווי בערגעלסאָן דאַן) איז דער אידעאָלאָג פֿון דער יידישער מיטלער בורזשואַזיע. דאָס קליינבירגערטום ווערט גענומען אַלס אַן איינהײַטלעך-גאַנצע.

סאָפֿקאָלסאָף בלײַבט דאָ גילטיק די הויפּטאָווע כאַראַקטעריסטיק, וואָס ליטוואַקאָוו גיט זיי מיט איין זאַץ פֿריִער (195), אַז „דאָס איז גאָר אַ נײַער(?) סאָציאַלער שיכט אין דער ליטעראַטור, מיט אַ נײַעם געמיט, מיט נײַע טענער און פֿאַרבן, מיט אַ נײַעם לאָשן (ווידער איין לאָשן!): די קליינבירגערלעכע יידישע פֿאָלק-מאַסן, אופֿגעטרייסלטע און צעשויבערטע דורך דער בילכאָמע און די פֿאַרגעפֿילן פֿון די קומענדיקע (?) גרויסע סאָציאַלע שלאַכטן“.

ליטוואַקאָוו קלאַסיפֿיצירט די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, אַזוי צו זאָגן, כראָנאָלאָגיש. די אויבנדערמאָנטע גרופּע שרײַבער באַטראַכט ער ווי אַ רעזולטאַט פֿון פֿאַר-פֿעוורואַל. „אָבער איינמאָל באַהערשט די יידישע סוויווע, הייבט אָן די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע דאָרט אויסבילדן אַ נײַע ליטעראַטור נײַע שרײַבער און דיכטער, וואָס ציִען, יעדערער אָפּ זײַן שטייגער, זייער קינסטלערישע יעניקע, נאָר (?) פֿון איר. עס קומען אויף קושנעראָוו, פֿעפֿער, רעזניק, פֿינינבערג, קיפּניס, גאָדינער, כאַריק, האַלקין א. א. וו.“.

עס איז איבעריק צו ריידנ וועגנ דער „מאַרקסיסטישער“ קלאַסיפיקאַציע פונ דער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס דער כ׳ ליטוואַקאָוו גיט דאָ.

וועגנ מאַרקישנ ווערט דאָ געגעבנ נאָכ איינ פאָרמולע: „מאַרקיש איז דער העפקערדיקער מאַסנ-יונג, פאַר וועלכנ די מילכאָמע אונ רעוואָליוציע האָט געעפנט א וועלט, אָבער קיינ באָדנ ניט געשאַפנ,—הוליעט ער פריי, מיט א צעכראַסטעסטער שפּראַכ, מיט צעווינטלטער פאָרמע, וואָס ווי מער זי ווערט זאָרגלאָזיקער צו אידעאָלאָגיע, ווערט זי אַלצ מער איבערפלעכלעכער פּלאַ- קאַט“ (179). די פאָרמולע, כאָטש זי ווערט ניט פאַנאַנדערגעוויקלט, איז אויס- ספרלעכ א גאַנצ טרעפלעכע. זי וואָלט געווענ אָבער ריכטיק נאָר דאַנ, ווענ ס׳וואָלט ניט גיינ קיינ רייד וועגנ א „זאָרגלאָזער אידעאָלאָגיע“, וואָס כאַזערט זיכ, אגעוו, איבער אינ נאָכ אנ אָרט:

„מאַרקיש איז אינ סאָכ גלייַכגילטיק צו אידעאָלאָגיע, ער איז פּסיכיש ניט פייִק צו אידעאָלאָגישע זוכענישנ,—האָט ער גאַנצ גיכ אָנגעהויבנ „פּוסט- אונ-פּאַסעווענ“ אונ דער אופּשטייַג פונ זייַנ פאָרמע האָט זיכ אויכ גיכ געענ- דיקט“. „מיט קיינ זעלבשטענדיקנ אידעאָלאָגישנ דראַנג איז זי (די פאָרמע— ד. ק.) ניט דורכגעזאַפּט געוואָרנ, האָט זי אָנגעהויבנ דעגראַדירנ“ (193). וועלנדיק אָפּנ בייַשפּיל פונ מאַרקישנ דערווייַזנ דעמ טעזיס וועגנ אייניקייַט פונ פאָרמע אונ אינהאַלט, מאַכט דער כ׳ ליטוואַקאָוו עטלעכע טאָעסנ מיטאַמאָל:

ערשטנס, קומט בא אים אויס, אז מאַרקישעס פאָרמע איז פונ אָנהייב אָנ געווענ א דורכויס רעוואָליוציאָנערע. ערשט שפּעטער האָט זייַנ רעוואָ- ליוציאָנערע פאָרמע גענומענ דעגראַדירנ. וואָלט עס אַזוי געווענ— וואָלט עס געווענ א סטירע צו דעמ עצעמ טעזיס וועגנ אייניקייַט פונ פאָרמע אונ אינהאַלט; מאַרקיש איז דאָכ געקומענ אינ דער ליטעראַטור ווי א קליינבירגער, בעמיילע, איז שוינ אויכ זייַנ פאָרמע ניט געווענ אונ ניט געקענט זייַנ קיינ אויסגעהאַלטנ-רעוואָליוציאָנערע: די וואַקלענדיקע נאַטור פונעמ קליינבירגער מוז ווערנ אויסגעדריקט ניט נאָר אינעמ אינהאַלט, נאָר אויכ אינ דער פאָרמע.

צווייטנס, האַלט כ׳ ליטוואַקאָוו, אז מאַרקיש איז ניט נאָר „גלייַכגילטיק צו אידעאָלאָגיע“, נאָר אַפילע „פּסיכיש ניט פייִק צו אידעאָלאָגישע זוכענישנ“— סיבאַקומט זיכ, אז צו אידעאָלאָגיע דאַרפ מענ האָבנ א ספּעציעלע פייִקייַט, א באַזונדער לייַדנשאַפט. וועגנ דעמ פּעלערהאַפטנ מאָמענט האָט שוינ אָנגע- וויזנ דער כ׳ בראָנשטיינ (זע ווייַטער).

דריטנס, אַפ וויפל ס׳איז קיינ וואָרט ניטאָ וועגנ אידעאָלאָגישנ טאָכ פונ מאַרקישעס ערשטע ווערק, שאַפט זיכ פונ כ׳ ליטוואַקאָווס פאָרמולע דער אייַנ- דרוק, אז מאַרקיש האָט ביקלאַל ניט געהאַט קיינ שומ אידעאָלאָגיע, אז די ווערק זייַנע זייַנענ געווענ הוילע פאָרמע, אונ אז אָטאָ די אידעאָלאָגיש-אויסגעליי- דיקטע ווערק זייַנענ געווענ רעוואָליוציאָנער בלויז אדאַנק זייער רעוואָליוציאָ- נערער פאָרמע, וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, ריינער פאָרמאַליזמ.

אינ דער אונטערשטער שורע באַקומענ מיר דאָ ניט קיינ אילוסטראַציע צו דעמ מאַרקסיסטישנ טעזיס וועגנ אייניקייַט פונ פאָרמע אונ אינהאַלט, נאָר, פאַרקערט, אנ אילוסטראַציע וויאַזוי דער כ׳ ליטוואַקאָוו פאַרפּלאָנטערט די



פראַגע פונ פאָרמע אונ אינהאַלט, וויאַזוי ער רייַסט אָפּ די פאָרמע פונ דעמ אינהאַלט אונ דעמ אינהאַלט פונ פאָרמע.

• • •

אינ זייַנ בוכ „אַט צוויי פראָנטנ“ פעלט אויכ דער מינ קאָנקרעטע קריטיק. אויכ דאָ האָבנ מיר אַלגעמיינע ליטעראַרישע איבערזיכטנ (אינ דער פאָרמע פונ פאָרטראָגנ) אונ פּאָלעמישע אַרטיקלענ.

אַפ וויפל אָבער דער צי יענער שרייַבער ווערט באַהאַנדלט אינ דער אָדער יענער פאַרבינדונג, ווערט דאָס שוינ דאָ געטאָנ מער אויספירלעכער, ווי אינ צווייטנ באַנד „אינ אומרו“.

וועגנ מאַרקישנ האָבנ מיר דאָ אַסאַכ ווייניקער אַרויסזאָגונגענ, נאָר דער- פאַר ניט אַזוינע אַלגעמיינע, מער אויספירלעכע. דאָ ווערנ שוינ אויכ דערמאָנט קאָנקרעטע ווערק („דאָר אויס דאָר אויס“, „ברידער“ אונ „כאַוויירים קוסטאַרנ“). „כאַוויירים קוסטאַרנ“ איז צודערצו (1928) ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרנ, ווי א באַשטעלונג פונ שטעטלשנ נעפּמאַנ, ווי א קאַריקאַטור אַפ דער פּראָלעטאַריש- סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייַט (ז. 17). קיינ אויספירלעכנ אַנאַליז פונ ווערק האָבנ מיר דאָ אויכ ניט. אינ אַרטיקל „ליט. קאָמאַנדע אונ ליט. רעכילעס“ פּראָטעסטירט כ׳ ליטוואַקאָוו (ז. 93) קעגנ א פּרינציפּיעלער אַרויסטרעטונג קעגנ מאַרקישנ אינ דער קאָמיוגישער „יונגע גוואַרדיע“, וועלכע ער קוואַליפיצירט גאַנצ ריכטיק ווי ליט. רעכילעס.

אָבער אינעמ זעלבנ אַרטיקל, פּאָלעמיזירנדיק מיטנ כ׳ האָלדעס וועגנ מאַר- קישעס „דאָר אויס דאָר אויס“ באַגייט דער כ׳ ליטוואַקאָוו א ריי פעלערנ. ער איז ניט מאַסקימ מיט האָלדעסעס אויספיר, אז דאָס דערמאָנטע ווערק פונ מאַרקישנ איז „אי שעדלעכ, אי שוואַכ“, אז „דאָר אויס דאָר אויס“ איז א „פול- קולמער דורכפאַל“ (אומזיסט פאַרעכנט דער כ׳ ליטוואַקאָוו די דאָזיקע באַ- הויפּטונגענ האָלדעסעס אויכ אָפּנ כעושבנ פונ „ברידער“; יענער רעדט נאָר וועגנ „לייַוונטנ אינ פּראָזע“). נאָר אויב אַפילע ניט קיינ „פולקולמער“ אָבער א דורכפאַל מאַרקישעס איז עס געווענ? דער כ׳ ליטוואַקאָוו מוז דאָכ אַליינ צוגעבנ, אז אינעמ בוכ איז געגעבנ א „גערדיכטער עקסטראַקט נאַציאָנאַליזמ“, אונ, אז די פּרווונ צו געבנ קאָנקרעטע ערנסט-געשטעלטע טעמעס אונ סיטו- אַציעס זייַנענ בא מאַרקישנ אינ אַלגעמיינ נאָכ ניט קיינ געלונגענע“—הייַנט צוליב וואָס איז אימ איז נייטיק געווענ פּאָלעמיזירנ? פאַרוואָס קומט דאָ אַזוי אָנצופאַלנ אַפ א ייִנגערנ קריטיקער?

כ׳ ליטוואַקאָווס פאַרדריסט שטאַרק, וואָס האָלדעס פאַרגעסט ריידנ וועגנ „דאָר אויס דאָר אויס“ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער „דינאַמיק“ פונ מאַרקישעס שאַפנ. ער האַלט, אז די דינאַמיק איז דאָ א פּראָגרעסיוו-שטייַגנדיקע. וועגנ דעמ, וואָס פאַרא סאָרט דינאַמיק „דאָר אויס דאָר אויס“ (ווי אויכ „כאַוויירים- קוסטאַרנ“ האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט, וועט נאָכ אונדז אויסקומענ צו דערמאָ- נענ. וויכטיק איז אָבער צו פאַרצייכענענ, אז צוליב דער דינאַמיק, פאַרשטירט כ׳ ליטוואַקאָוו די נאַציאָנאַליסטישע פעלערנ פונ דעמ דאָזיקנ ווערק. ער טרעט אַרויס אָפּנ קעגנ דעמ, אז דער „צו געדיכטער עקסטראַקט נאַציאָנאַליזמ“ איז

שעדלעך, „פּאַרגעסנדיקע דערבײַ, אַז אַפילו, אַ מער שיטערער נאַציאָנאַליסטישער מײַכל איז אויך אומגעזונט... „וואָס הייסט שעדלעך,—שטעלט דער כ׳ ליטוואַקאָוו אַ „נאַיווע" פראַגע—לייגט דער כ׳ האָלדעס פאַר קאָנפיסקירן דעם בוך, צי לייגט ער דאָס ניט פאָר?"... אָבער צי איז דען ניט דער ערשטער כּיוון פון אונדזער קריטיק אויפצודעקן די אידעאָלאָגישע שעדלעכקייט פון דעם אָדער יענעם ווערק, ניט אַרײַנמישנדיק זיך אין דער פונקציע פון „גלאַוולית"? פונוואַנען קומט צו ליטוואַקאָוון אַזאַ „גלענצנדיקער" אַרגומענט?

אין אַ שפּעטערדיקן פאָרטראַג (זז. 34, 37) קערט זיך אום דער כ׳ ליטוואַקאָוו אַ צווייטן מאָל צו די דאָזיקע ווערק און רעדט שוין אויספירלעכער וועגן זייער נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער (דאָס מאָל שוין ניט אָנגרײַפנדיק אָפּ עמיצן, נאָר אין אָרדענונג פון זעלבסטפאַרטיידיקונג). כ׳ ליטוואַקאָוו פאַרגעסט ניט דערבײַ צוצוגעבן, אַז, ניט געקוקט אָפּ די דאָזיקע דורכרײַסן, פונדעסטוועגן קומט מאַרקיש אַלץ נעענטער צו אונדז. מיט ווײַטערדיקן שאַפן האָט פּערעצ מאַרקיש דערוויזן, אַז דער דאָזיקער פּראָגנאָז איז געווען אַ ריכטיקער. ניט ריכטיק איז דאָרטן נאָר דאָס פאַרעכענען מאַרקישן צוזאַמען מיט האַלקינען און קיפּניסן צו עפּעס אַ „צווישנפּאָזיציע". די דאָזיקע דרײַ שרײַבער זאָלן האָבן קלוימערשט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַ מין בופער צווישן רעכטס און לינקס, בײַס אינדערעמעסן האָבן די יעניקע ווערק פון די לעצטע געהאַט דאַן מיט זיך פאַרקערפּערט די רעכטע גפאַר אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור.

*. ברענשטיין—„אָקטאָבער", צענטרפאַרלאַג, מינסק, 1930 (זז. 15, 17, 47, 61, 140-141, 148, 181, 325).

באַם כ׳ בראָנשטיין געפינען מיר וועגן מאַרקישן אויך בלויז אייניקע אַרויסזאָגונגען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, כאָטש אין אַלגעמיין איז זײַן קריטיק אַ גאַנץ קאָנקרעטע.

זײַן גרויסע אַרבעט „דער סטילן-קאַמף אין פּעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם" הייבט אָן און פאַרענדיקט דער כ׳ בראָנשטיין מיט דער קריטיק פון די „אייגנס"-אידעאָלאָגן: בערגעלסאָן, דאָברושין און אַנדערע.

אַלס ענטפער אָפּ ליטוואַקאָווס רעצענזיע וועגן „אייגנס" (זע אויבן), איז בערגעלסאָן אַרויסגעטראָטן מיט אַ דעקלאַראַטיווער אַרטיקל („ביכער-וועלט", 4-5, 1919, זז. 5—16), אין וועלכן ער פּרוּווט טעאָרעטיש באַרעכטיקן דעם סאַבאָטאַזש פון אַ גרויסער טייל אינטעליגענץ אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. אַרויסרוקנדיק די באַקאַנטע בורזשואַזע טעאָריע, אַז „קיין זאַך פאַנגט ניט אַזוי דעם דיכטערס נעשאָמע, ווי די פאַרגליווערטע פעסטגעשטעלטע פאָרמען", אַז „די דיכטונג איז מערסטנס אַ פּריעליויצע פון דעם אָפּגעלעבטן; זי איז דער אימפּולס פון איבערגעלעבטע אײַנדרוקן" (בערגעלסאָן שטעלט גלײַך דאָ אַ גלײַכצייכן צווישן „אָפּגעלעבטן" און „איבערגעלעבטן"—ד. ק.), מאַכט בערגעלסאָן אַן אויספיר: „די געזעלשאַפטלעכקייט (די נײַע, די סאָוועטישע — ד. ק.) און די דיכטונג מוזן זיך אַזוי אַרום פאַנאַנדערגיין אין אָט דער צײַט פון שטורעם און דראַנג". בערגעלסאָן טרעט דאָרטן אַרויס ווי אַ קעגנער פון דער „ליגייישער" קונסט פון דעם ערשטן רעוואָליו-



ציע-פּעריאָד, קעגן דער אַבסטראַקטער ליניע, וועלכע מאַרקיש האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער כאַראַקטעריזירט זי ווי „פּרימיטיוו", „לובאָק", וואָס קען נאָר געפעלן דעם רעוואָלוציאָנערן לייענער, אָבער ניט דעם „ייִדישן מיטלשטאַנד" (מיטעלע בורזשואַזיע — ד. ק.), דעם טרעגער פון „נאַציאָנאַלן עפּאָס", אָפּ וועמען דער קינסטלער דאַרף זיך אָריענטירן, וועלכער ווערט אָבער דורך דער רעוואָלוציע פאַרניכטעט און איז, אגעוו, „לאַכלוטן ניט פאַרינטערעסירט מיט דער ייִדישער שאַפונג".

בערגעלסאָן ערגערט זיך אַז ליטוואַקאָוו אויסגעפינען אין מאַרקישעס ערשטע לידער „סימאָנים פון גיוער זײַן דאָס נאַציאָנאַלע אַז דער ייִדישער לירִיק".

מאַרקיש „איז אַבסטראַקט נאַקעט"—שרײַבט בערגעלסאָן. „מאַרקיש איז אָרעם אין בילדער, און אַפילו די בילדער, וואָס ער פאַרמאָגט, זײַנען בײַ אים מער דערציילערישע איידער מאָלערישע", און „אָרעמקײַט אין בילדער הייסט — אָרעמקײַט אין אײַנדרוקן". בלויז אַדאַנק אָט דער אַבסטראַקטקײַט און בילדער-אָרעמקײַט איז ליטוואַקאָוו מעגלעך געווען „אַרײַנלייגן אין אָטאָ די נאַקעטע געשרייען דעם גאַנצן אוניווערסאַלן זינען פון דער צײַט".

קעגן דעם נאַקעטן קולטורלאָזן מאַרקישן שטעלט בערגעלסאָן אַרויס דעם ניסטער, וועמעס בילדערלעכקייט עס האָט „אַן עכט ייִדישע אָפּשטאַמונג", און די „זאַפטיקע גאָט-געבענטשטע טאַלאַנטן" — האָפשטיין און קוויטקאָ, באַזונדערס האָפשטיינען, אָפּ וועמעס פּערזון „עס רוט די שכינה".

כ׳ בראָנשטיין לייקנט אין אַלגעמיין ניט אָפּ די „נאַקעטקײַט" און אַבסטראַקטקײַט פון מאַרקישעס שאַפן.* ער דערווײַזט נאָר, אַז מאַרקיש איז נאָר איינציקער אין דער צײַט נײַע דערשײַנונגען פון אויפקומענדיקן רעוואָלוציע-סטיל, אַז אַפילו דער מער בילדערישער האָפשטיין „האָט אויך ניט שטענדיק געקענט אויסהאַלטן דעם „ירושע-פעלץ"... „און געשריבן „נאַקעטע" ריטאָרישע לידער וועגן „שפאַנענדיקער מענטשהײַט" — כאָטש מער אײַנגעהאַלטן, מער פאָרזיכטיק, איידער מאַרקיש.

בראָנשטיין דערווײַזט, אַז ניט אַזוי קעגן מאַרקישן, וועלכער איז דאָך, סאָף קאָלסאָף, געווען אַן אייגענער „שקאָץ", אַן אייגענער (?) לויט זײַן אינטעליגענטישן ראַדיקאַליזם, אַן אייגענער, לויט זײַן אינדיווידואַליסטישער צעכראַסטעטקײַט — זײַנען געווען בערגעלסאָן, דאָברושין און די גאַנצע „אייגנס"-דינאַסטיע. „זיי האָבן זיך אַ וואָרפ געטאָן אַפילו אָפּ אַן אייגענעם מענטשן, נאָר דערפאַר וואָס אָט דער מענטש איז געשטאַנען אָפּן לינקן פליגל פון דער „אייגנס"-אינטעליגענץ" (ז. 17). אין גרונט זײַנען זיי אַרויסגעטראָטן „קעגן די, וואָס זײַנען געקומען מיט „פּאָשעטע סענדענציעזע רעוואָלוציע-אויסרופן"... קעגן די, וואָס ווילן שאַפן „אַ מאָדערנע עולשטאַט און ווינטשעווסקי-סקופע" (ז. 19). „אין בערגעלסאָנס ניסטערישן אָנפאַל אָפּ מאַרקישן פילט זיך שוין די בלינדע סינע פון סאָציאַלע שיכטן און קלאַסן".

פאַרן נײַעם אויפקומענדיקן, זאָל זײַן „געפלעקטן" אָדער „געלאַטעטן", אָבער

* כאָטש אין איין אָרט דערזעט ער אַז אַם מאַרקישעס שטייגער־בילדער אין „וואָלינג". מע וואָלט געקענט ברענגען אָבער גענוג בײַשפּילן פון בילדערישקייט און שטיינבאַרישקייט אין פיל אַנדערע ווערק פון מאַרקישן, אַפילו פון זײַנע ערשטע ביכער „שוועלן", „פּאָגראָם". און אַ. אַ.

דאָך פּראָלעטאַרישן סטיל זײַנען, אַלזאָ, געשטאַנען צװײ אױפגאַבעס: דער סטיל פון „אױפגאַנג" האָט געדאַרפט באַקעמפן דעם סטיל פון „אָפּגאַנג" און װײַטער פאָרזעצן פאַרטיפערן און פאַרברײטערן די ירושה פון די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער װינטשעװסקי און די איבעריקע. ביז אַהער איז דעו כ' בראָנשטײנס פולשטענדיק גערעכט. כ' בראָנשטײן דערקלערט אָבער װײַטער, אַז „פאַרן ליניײִשן נוסח איז כאַראַקטעריסטיש דער דינאַמיזם און ראַציאָנאַליזם, זײַן אַלגעמײנע פעיִקײט צו געבן די פאָרמולע פון קעגנשטאַנדן און געשעענישן, געבן זײער טאָך אין שאַרפסטער אױסדריקלעכקײט".

„אָטאָ די שפּאָרזאַמקײט... רוקט אַרױס דעם ליניײִש־סילועטישן „נאַקעטן" נוסח אױף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין יענע שטורמישע טקופעס... װען די יונגע אױפשטײַגנדיקע קלאַסן קומען צעשטערן די אַלטע אָרדענונג מיטן קױעך פון „קריטישן סייכל". כ' בראָנשטײן האַלט אפילע, אַז דער „ליניײִשער נוסח" איז „דער אײנציקער מעגלעכער פאַר דער פלאַמיקער רעװאָלוציאָנערער גאַסליד, פאַרן שטורמישן פּלאַקאַט, פאַר דער רױשנדיקער רעװאָלוציאָנערער עסטראַדע", (ז. 18). אין נאָך אַן אָרט (ז. 61) שרײַבט בראָנשטײן שױך נאָכמער קאַטעגאָריש — „װאָס נאַקעטער די אַרבעטער-פּאָעזיע, אַלץ רעװאָלוציאָנערער איז זי אין אָט די דאָזיקע יאָרן פון רעװאָלוציאָנערער נאַקעטקײט; װאָס שטײַגערישער, קאָלאָריטישער, פּאָלקלאָריסטישער זי איז, אַלץ פּאַסיװער איז זי, אַלס קאָנסערװאַטיװער".

אַזעלכע באַהױפּטונגען זײַנען פאַלשע. די נאַקעטקײט אין דיכטונג איז, פאַרשטײט זיך, געװען אַן אומפאַרמײַדלעכער עטאַפּ אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, פונקט אַזױ, װי די אידעאָלאָגישע „געפּלעקטקײט". דאָס איז אָבער װײַט ניט קײן מוז-זאַך געװען פאַר יעדן רעװאָלוציאָנערן דיכטער, אפילע אין סאַמע קאָך פון דער רעװאָלוציע. קנאַפּע בילדערישקײט, אַבסטראַקטקײט, סכעמאַטיזם א. א. װ. איז אינדערעמעסן ניט קײן מײַלע און ניט קײן מוז פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין קײן שום עטאַפּ פון איר אַנטװיקלונג. גיכער איז עס אַ סימען פון נאָך ניט־צײַטיקײט, ניט פולקומקײט. בערגעלסאָן האָט אין יענער צײַט געװיס געשלאָגן אין װײטיקסטן אָרט פון דער רעװאָלוציאָנערער דיכטונג. מיר אָבער דאַרפן ניט אַרױסשטעלן די שװאַכע זײַט פאַר אַ שטאַרקע, און װי אַזאַ אָביעקטיװ־פאַרורזאַכטע דערשײַנונג, װאָס ס'איז אַבסאָליוט אומעגלעך אױסצומײַדן. באַ אָשער שװאַרצמאַנען, לעמאָשל, געפינען מיר פּרוּװן צו באַקעמפן דעם פּלאַקאַט, צו אױסדריקן רעװאָלוציאָנערע שטימונגען און געדאַנקען אין אַ געניטן בילדערישער פאָרמע. די שװאַכקײט קען נאָר דערקלערט װערן, װי אַ רעזולטאַט פון יונגקײט און ניט־רײַפקײט. װען די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור װאָלט דאַן פאַרמאָגט אַזעלכע װאָרט-מײַסטער, װי בערגעלסאָן, ניסטער און האָפשטײן, װאָלטן זײ אױך אין יענע יאָרן געשאַפן ניט קײן נאַקעטע דיכטונג, ניט קײן אַבסטראַקטע, נאָר אױך בילדערישע, קאָלאָריטע א. א. װ.

דאָס איז אַלץ גערעדט װעגן די מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, מיט װעלכע דער כ' בראָנשטײן אילוסטרירט זײַן ברונט-טעזיס װעגן „נאַקעטן סטיל" פון די ערשטע יאָרן רעװאָלוציע. דאָס איז אָבער ניט שײַעך צו מאַרקישעס „נאַקעטקײט", װעלכע איז כאַציאַל אַ גאַנץ אַנדערע. מאַרקישעס נאַ-



קעטקײט שטאַמט ניט פון ניט-צײַטיקײט אָדער אומרײַפקײט. די סיבע פון זײַן נאַקעטקײט דאַרף מען זוכן אין דעם קלײנבירגערלעך-אינטעליגענטישן מעהוס פון זײַן אידעאָלאָגיע. ביקלאַל, באַגײט דאָ דער כ' בראָנשטײן דעם פאָרמאַליסטישן פעלער, װאָס אָנשטאָט אונטערצושטרײַכן, אַז אױך אין דער נאַקעטער פאָרמע קען אַרײַנגעלײגט װערן אַ קאָנטררעװאָלוציאָנערער אינהאַלט, דערקלערט ער גאָר די עצעם נאַקעטקײט פאַר אַבסאָליוט רעװאָליוציאָנער, און די קאָלאָריסטיק און פּאָלקלאָריסטיק פאַר דורכױס קאָנסערװאַטיװ. כאָטש אין אַנדערע ערטער פון דער זעלבער אַרבעט װײסט שױן דער כ' בראָנשטײן אונטערצושײדן צװישן דעם „קאָסמיזם" פון די קלײנבירגערלעכע סאָװעטישע מיסטיקער און באָװשאָװערס קאָסמיזם, צװישן מאַרקישעס „נאַקעטקײט" און עדלשטאַטס (זײַט 41).

מאַרקיש גופע װערט אומעטום כאַראַקטעריזירט פון בראָנשטײנען װי אַ ראַדיקאַלער אינטעליגענט, װי „די סאַמע קאָלאָריטפולע דיכטערישע פיגור", װאָס „די נײַע יונגע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט אַרױסגערוקט" (ז. 15).

„מאַרקיש איז דער סאַמע ראַדיקאַלסטער פּאָעט פון דער „אײגנס"—דיכטונג" (47). „אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספער פון די ערשטע קאַמף-יאָרן האָט אָבער דער דאָזיקער ראַדיקאַליזם אױסגעפּילט אַ גרױסע ראַדיקאַלע פונקציע. ער האָט געשטורעמט, געטריבן פאָרױס, געהײבן די טעמפּעראַטור פון דער עפּאָכע (141). מאַרקישעס געשרײ װערט פון בראָנשטײנען כאַראַקטעריזירט װי אַ בונט קעגן בערגעלסאָנס „שטאַנדהאַפטיקע עפּאָס־עלעמענטן", װי אַ „נאַקעטער", „צעשױבערטער" שפּאָט איבערן קלאַסיציזם, איבער טראַדיציאָנעלער ײִדישלעכער עסטעטיק, װי אַן אַרױסטריט קעגן די שאַבלאָנע פּײזאַזשן און געמעלן, װעגן װעלכן מאַרקיש אַלײן זאָגט, אַז „זײ האָבן שױן אױפגעהערט רײדן צו מענטשלעכע הערצער".

אין אַן אַנדער אַרטיקל פּאָלעמיזירט כ' בראָנשטײן מיט ליטװאַקאָװן, װאָס האָט געשריבן, אַז „מאַרקיש איז אין טאָך גלײַכגילטיק צו אידעאָלאָגיע" (זע אױבן). כ' בראָנשטײן פרעגט: „װאָס הײסט גלײַכגילטיק צו אידעאָלאָגיע?". „צי איז טאַקע בעטעמעס אידעאָלאָגיע אין קונסט עפּעס אַ מין קאַלע-מײדל, צו װעלכער מע קען זײַן גלײַכגילטיק אָדער ניט גלײַכגילטיק?" (ז. 325).

כ' בראָנשטײן איז דאָ פולקום גערעכט. מע דאַרף אָבער מודע זײַן, אַז אױך דעם כ' בראָנשטײן האָט זיך נאָך ניט אײַנגעגעבן אױפצודעקן דעם סאָציאָלאָגישן עקװיװאַלענט פון מאַרקישעס שאַפן אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד. ער האָט אונדז ניט געגעבן די געהעריקע קלאַסעװע כאַראַקטעריסטיק פון מאַרקישן.

רײדנדיק װעגן דער ערשטער פּעריאָדע נאָך-אָקטיאַבערישע דיכטער (ז. 148), װעגן אײניקע קינסטלערישע ניואַנסן אין דער דיכטונג פון יעדערן, האָט ער אָבער ניט געגעבן די געהעריקע אידעאָלאָגישע קלאַסיפיקאַציע פון אָטאָ דער אידעאָלאָגיש־בונטער גרופּע שרײַבער. די כאַראַקטעריסטיק פון מאַרקישן אַלס ראַדיקאַלן אינטעליגענט איז אױך ניט קײן גענױע, װײַט ניט קײן פּינקטלעכע. די אינטעליגענץ (און אױך די ראַדיקאַלע) האָט דאָך ניט קײן זעלבשטענדיקע אידעאָלאָגיע. זי דריקט דאָך אױס אידעאָלאָגיעס פון פאַרשײדענע קלאַסן־גרו-

פירונגענ. באמ כ׳ בראָנשטײנ איז ניט אָנגעוויזנ געוואָרנ פונ וועלכנ שיכט קלײנבירגערטומ צומ מארקיש זײַנ קינסטלערישע דערפארונג. אנ אוולע איז אויכ דאָס, וואָס בראָנשטײנ האָט ניט געגעבנ קײנ עסוואָס גאנצעס וועגנ מארקישנ, וואָס בא אימ איז ניטאָ קײנ אײנ ארטיקל וועגנ אימ, וואָס ער אנאליזירט ווײניק מארקישעס קאָנקרעטע ווערק.

ניט געקוקט אפ די אויבנאָנגעוויזענע פעלערנ, האָבנ מיר שוינ באמ כ׳ בראָנשטײנ אינ אלגעמײנ א געלונגענעמ פרווו פונ כאראקטעריזירנ די ערשטע פלעיאדע סאָוועטישע מיטלויפער, צווישנ וועלכע מארקישנ ווערט אָפגעגעבנ די געהעריקע, כאָטש ניט גענוגנדיקע אויפמערקזאמקײט. באזונדערס איז ווערטפול דאָס, וואָס די דאָזיקע שרײַבער ווערנ באטראכט ניט איזאָלירט פונ דער פראָלעטארישער ליטעראטור אינעמ דאָזיקנ פעריִאָד און שוינ אוודאי ניט ווי די אײנציקע, הערשנדיקע שעפער פונ דער סאָוועטישער ליטעראטור.

## IV

יוסף בערסאָנ — „א ווערק מיט א גרויסנ פארנעמ“ (זשורנאל „רויטע וועלט“, נומ. 5—6, 1929).

דרײַ פערטל פונ דער גאנצ היפשער ביבליאָגראפישער נאָטיצ (זײַט 161-166) פארנעמט דאָס איבערדערצײלנ דעמ אינהאלט פונ ווערק („ברידער“), איבערדערצײלט ווערט עס אביסל צו „פרײַ“, און דעריבער, ניט גאָר פינקטלעכ. די אָפשאצונג — אינ אלגעמײנ א ריכטיקע, נאָר ניט קײנ גענויע און ניט קײנ באגרינדעטע. דער אווטער ווײַזט ריכטיק אָנ, אז „די קראפט פונ דער עפּאָפּײע ליגט, היפשטנטײל, אינ דער טראגיק פונ שטעטעלע“, אז דער אלטער דאָר איז קאָנקרעטער און קאָנצענטרירטער געמאָלט אײדער דער נײַער רעוואָליוציאָנערער, וועלכער איז דאָסראָוו געגעבנ סכעמאטיש, אז די רעוואָליוציע ווערט פונ מארקישנ אויפגעפאסט „ווי א סטיכיי פאר זיכ אלײנ, ווי אויפגעבראזטע רוי־קראפט“. מע זעט ניט, ניט איר ציל־אײַנשטעלונג, ניט איר פערספעקטיוו. מע זעט אויכ ניט די ווײַטערדיקע פערספעקטיוו פונעמ שטעטל, וועלכע פארנעמט דעמ צענטראלנ אָרט אינ דער פּאָעמע. בערסאָנ רעדט נאָכ וועגנ די קענטיקע ליטעראַרישע ווירקונגענ (פונ בלאָקנ און אנדערע). אינ ארטיקעלע זײַנענ אָבער אויכ דאָ אסאכ ניט ריכטיקע באהויפטונגענ: ניט ריכטיק איז, למשל, די באהויפטונג, אז מארקיש האָט אויסגעמיטנ „די געפאר ארײַנצופאלנ אינ נאציאָנאליסטישע אָפּווײַכונגענ“ — גראָד אזעלכע „אָפּווײַכונגענ“ זײַנענ פאראנ גענוג אויכ אינ „ברידער“. ניט ריכטיק איז, אז „די קינסטלערישע ארכיטעקטור (פונ „ברידער“ — ד. ק.) האָט אינ זיכ מאָנומענטאלישקײט“ — גראָד די „ארכיטעקטור“ איז דער שוואכסטער אָרט אינ דער פּאָעמע. און געוויס איז שוינ ניט ריכטיק די באהויפטונג, אז „בלויז אפ א דיסטאנצ פונ פארגאנגענע רעוואָליוציע־עטאפנ האָט אזא ווערק געקענט געשאפנ ווערנ“. די אלע שלאכטנ אבנ ליטעראטור־פראָנט פאר די לעצטע יאָרנ איז א בולעטע אָפּלײקענונג פונ אָט דער דיסטאנצ־טעאָריע, וואָס שטאמט פונ בורזשואזנ עסטעטיזירנ קאָדעקס.



## V

אלעקסאנדער פינקעל — „אינערלעכער און אויסערלעכער געבוי פונ מארקישעס „ברידער“ (זשורנאל „רויטע וועלט“, 9, 1929).

דער ארטיקל איז א מוסטער פונ אינהאלטלאָזיקײט, פונ פאָרמאליסטישער פוסטקײט. אפ א גאנצנ דרוקבויגנ צעשפרײט זיכ דער אווטער, קעדײ צו דערווײַזנ וועלכע ריטמענ עס זײַנענ פאראנ בא מארקישנ, וועלכע מינימ סטראָפעס, פערזנ־מאָסנ, גראמענ, וועלכע פארגלײַכונגענ א. א. וו. ער דערצײלט אונדז באאריכעס, אז מארקיש נוצט אויס פארשײדענע פאָלקלאָר־עלעמענטנ, אז ער סטיליזירט דאָקומענטנ, בריוו, טשאסטושקעס א. א. וו. אז ער מאכט נאָכ די שפראכ פונ די פוילישע ייִדנ א. א. וו. די אלע אנטדעקטע „אמעריקעס“ ווערנ „פארפעסטיקט“ און באגרינדעט מיט לאנגע ציטאטנ פונעמ ווערק; א קאשע אפ א מײַסע; מע קענ נאָכ מײנענ, אז אל. פינקעל טראכט עס אלײנ אויס...

וועגנ אינהאלט פונ ווערק, וועגנ די פראָבלעמעס, וועלכע דער אווטער באהאנדלט, וועגנ דער אידײיִש־קינסטלערישער ציל־געוועגדקײט פונ מארקישנ — קײנ אײנ וואָרט ניט. ניט מאכמעס אל. פינקעל איז „כאָלילע“ פרינציפּיעל קעגנ אזא אנאליז, נאָר... ווײַל די „טעמאטיק פונ „ברידער“ האָט שוינ כי בער סאָנ אָנגערירט אינ זײַנ ארטיקל“ (זע אויבנ). „דער ציל פונ דעמ ארטיקל איז אלזאָ, אָנרירנ אנ אנדער זײַט — א פאָרמעלע, — קאָמפּאָזיציע און סטיל“. א מוסטערהאפטע ארבעט־צעטײלונג! זאָל זיכ בערסאָנ פארנעמענ דאָרטנ מיט דער „טעמאטיק“, איכ, פינקעל, כ׳לעבנ, וועל זיכ בעסער פארנעמענ מיט צײלנ סטראָפעס.

אונטערנ „סטיל“ פארשטײט פינקעל טאקע די זעלבע יאמבנ, כאָרײענ, פערזנ־מאָסנ א. א. וו. וואָס איז שײַכ „קאָמפּאָזיציע“ — דערצײלט אונדז, ווי דעמקאָל, פינקעל איבער דעמ „סיוזשעט“ פונ דער פּאָעמע, נאָכדעמ גיט ער איבער דעמ „אינהאלט פונ די באזונדערע קאפיטלעכ“, און קומט צומ „מערקווירדיקנ“ אויספיר, אז „קײנ דיִאלאָג און מאָנאָלאָג זײַנענ אינ ווערק ניטאָ“ (?), אז „קײנ סיוזשעט אינ דעמ עִגנ זינענ פונ וואָרט איז אינ דער פּאָעמע קימאט ניטאָ, אז דער סיוזשעט־גאנג איז אנ איבערגעריסענער“ א. ד. גל... פריִער דערצײלט ער אונדז דעמ סיוזשעט, נאָכדעמ לײקנט ער אימ „קימאט“ אָפ, און אמ ענדע געפינט ער אימ דאָכ, נאָר אנ „איבערגעריסענעמ“. אָרעמער סיוזשעט, נעבעכ!

די פּאָר פראגעס, וועלכע פינקעל שטעלט לעכאטכילע: „וויִאזוי זײַנענ צוזאמענגעבונדנ באזונדערע עלעמענטנ? (קײנ אנדערע פארבינדונג אינטערעסירט אימ ניט) און „וויִאזוי זײַנענ געשילדערט די פערזאָנענ“ — בלײַבנ טאקע אינ גאנצנ ניט פארענטפערט. דער סאכאקל איז, אז מארקישעס פּאָעמע האָט „פּאָזיטיווע“ זײַטנ און „נעגאטיווע“. צו די פּאָזיטיווע געהערנ: „שפראכ־רײַכקײט“, „פארשײדענע ריטמענ“, „וויל־קלינגעוודיקײט“ און נאָכ ענלעכס. נעגאטיוו איז דאָס, וואָס די בילדער זײַנענ אינ א צו גרויסער צאָל, וואָס פונ דער „שפראכ־רײַכקײט“ לאָזט זיכ גאָר אויס „פּילהערטערדיקײט“, וואָס דער „סיוזשעט־געבוי“ איז א שוואכער א. א. וו. וואָס ווײַזט עס אונדז? „דאָס אלצ באווײַזט, אז באר-

קיש איז שטארק אין זײַנ פּאָעטישנ כוש, נאָר איז נאָכ װײַט פונ שלימעס אינ קינסטלערישער אויספאָרמירונג".

װאָס-זשע זאָל מארקיש טאָנ? „קעגנ דעם איז פאראנענ בלויז אײנ אײנ־ציקע רעפּוע—לערנענ זיכ בא די אנדערע ליטעראטורנ אונ קולטיװירנ נײַע פאָרמעס"...

װאָס װײַזט אונדז דער ארטיקל? דאָס אלצ באװײַזט, אז אל. פינקעל האָט נית קײנ „כוש" פאר מארקסיסטישער קריטיק אונ אז ס׳איז פאראנ פאר אימ בלויז אײנ רעפּוע — װאָס גיכער איבערבויענ זיכ אונ שטעלנ זיכ מיט בײדע פיס אפ די פּאָזיציעס פונ מארקסיזם-לעניניזם.

## VI

סיאָמע זשוקאָװסקי—„ניט קײנ ביניענ נאָר רישטעװאניעס" (זשורנאל „שטערנ", מינסק, נומ. 10 אונ 11, 1929).

דער ארטיקל איז ניט נאָר דער גרעסטער פונ די אלע אויסגערעכנטע (איבער א דרוקבויגנ), נאָר אויכ דער קאָנקרעטסטער אונ דעריבער זאכלעכ־סטער אונ דאָכ טראָגט דער ארטיקל אזא באשײדענעמ אונטער־קעפּל װי „מאַ־טעריאלנ צו א קריטישער אויספאָרשונג". דאָס איז דערפאר, װאָס דער אװטאָר װײס, אז „מעװינעס... אָנ א דעטאלער, מיזאמער אונטערזוכונג װעט גאָרניט געבנ ניט דעם שפּעער, ניט דער קריטיק, ניט דער געזעלשאפטלעכקײַט".

כ׳ זשוקאָװסקי מערקט, קוידעמקאָל, אָפּ דעם פּאָזיטיװנ כאראקטער פונ דער אידײיש-קינסטלערישער עװאָליוציע, װאָס מארקיש האָט דורכגעמאכט קר־מענדיק מיט דער נײַער פּאָעמע. דער איבערגאנג פונ „צעכראסטעטער לידיק" צו „רעװאָליוציאָנערער עפּיק", אָבער אויכ די נאָכ ניט אויסגעלעבטע „אירא־ציאָנעלע", „פארטיזאנישע", „לינק-עסערישע" אידעאָלאָגיע, װאָס צוזאמענ מיט זײַנ טעמאטיש־סטיליסטישנ איבערבראָכ-קריזיס (אָדער װי זשוקאָװסקי דריקט זיכ אויס—„קפיצעס-האדערעכ") „האָבנ גורעמ געװענ דעם קאָמפּאָזיציאָנעלנ כאאָס אינעװ גרויסנ װערק".

װײַטער שפּאלט זיכ די ארבעט אפ צװײ טײלנ. אינ דער ערשטער טײל װערט געגוי אנאליזירט די קאָמפּאָזיציע פונ „ברידער". אינ דער צװײטער װערט באהאנדלט מארקישעס „אידעאָלאָגישער באנעמ, װיאזוי ער האָט זיכ אויסגעדריקט אינ די „ברידער". אנאליזירנדיק געגוי דעם אינהאלטלעכ-פאָרמעלנ געבוי פונ יעדנ קאפּיטל באזונדער, קומט זשוקאָװסקי צו פאָלגנדיקע אויספירנ:

1) „ניט שלימות־בער אונ ניט אוריעל זײַנענ דער פּאָקוס, די טרעגער פונ דער קאָלאָסאלער דיכטערישער אונטערנעמונג. אלפּיטאָעס טראָגט דאָס װערק זײער נאָמענ"; „דעם קינסטלערישנ אויבנאָנ פארנעמענ אינ איר (פּאָעמע—ד. ק.) ניט די צװײ ײִדישע ארבעטער־באָלשעװיקעס, נאָר מענאכעמ, ראכמיִעל, עססער, גאלעכ" א. א. װ.—קורצ, דאָס שטעטל אונ אירע טיפּנ.

2) אינ װערק זײַנענ פאראנענ אסאכ איבערכאזערונגענ, אסאכ באלאסט, „פארדראָסיקער בראָכװארג", װאָס „פארשטעלט דעם װעג צו יענע גלענצנ־דיקע קאפּיטלעכ, װאָס זײַנענ װי דימענטנ צעװאָרפנ" איבערנ גאנצנ װערק.

3) די רעװאָליוציע האָט אונדז מארקיש געװיזנ בלויז אינ איר אויסערלעכנ אויפֿזעג, אונ דאָס אויכ סכעמאטיש.



4) אינ א גרויסער טײל פונ בוכ, באזונדערס דאָרט, װו עס װערנ געשיל־דערט די רעװאָליוציאָנערע קאמפנ זײַנענ „די רעאלע עלעמענטנ ראָמאנטיזירט; די ראָמאנטיק—פאבאלאדעװעט אונ סימװאָליזירט.

5) די „גענעאָלאָגישע פּראָבלעמ" פונ די ברידער-באָלשעװיקעס לײזט מאר־קיש „אפ א סטיליזירטנ, באלאדיש-מיסטעריעזנ אויפנ". װעגנ דער פארװאנד־לונג פונ אָרעמע שטעטלשע ײִנגלעכ אינ באװוסטזיניקע אונ אקטיװע רעװאָ־ליוציאָנערנ „דארפנ מיר זיכ אָנשטויסנ... פונ זײער מוטער עסטער דערמאָנענ זיכ באמ הארציקנ לײענענ דעם טײַטש־כומעש"... „פאר דער גענעאָלאָגיע פונ די ברידער קלעקט דער קינסטלערישער שטאָט אפילע ניט פאר קײנ סכעמע". „די גרויסע קינסטלערישע אונ געזעלשאפטלעכע װיכטיקײַט פונ דער „באָלשעװי־קעס-פּראָבלעמ" פאר דער ײִדישער סאװיעטע אונ קונסט" האָט דער דיכטער „פּאָשעט פארזענ" (?) „דאָס זאָגט אײדעס אפ א ניט גענוגנדיקער פּאָליטישער אונ היסטאָרישער קולטור", װײַל „אפילע מיטנ זעלביקנ אידעאָלאָגישנ אפּאראט, נאָר מיט פארשטאנד פאר אונדזער פּראָבלעמ, װאָלט מאר־קיש זיכער (?) דערגרײכט באדײַטנדיקע רעזולטאטנ.

דער לעצטער טעזיס איז ניט קײנ ריכטיקער אונ איז טויסער דעם טעזיס װעגנ דעם ענגנ צוזאמענהאנג, װאָס עקזיסטירט צװישנ דער אידעאָלאָגיע פונ דעם אװטער אונ קאָמפּאָזיציע פונ זײַנ װערק (מיר װאָלטנ געזאָגט ברײ־טער—אונ זײַנ שעפערישנ מעטאָד, אָדער מעטאָדנ װי מיר האָבנ דעם פאל בא מארקישנ), װאָס כ׳ זשוקאָװסקי ברענגט אינ אָנהײב אונ באמ סאָפ פונ זײַנ ארטיקל. בלויז מיט „פארשטאנד" פאר דער פּראָבלעמ װאָלט זיכ מארקישנ בעשו־מויפנ ניט אײַנגעגעבנ װײַזנ אונדז צװײ לעבעדיקע, אָביעקטיװ-ריכטיקע באָל־שעװיקעס, װער רעדט נאָכ לײזנ די „באָלשעװיקעס־פּראָבלעמ" אינ אלגעמײנ געגומענ. מארקיש, װידער, האָט די אויבנדערמאָנטע פּראָבלעמ ניט „פּאָשעט פארזענ", נאָר אינ א געװיסנ זינ זי פארקריפּלט. צו די דאָזיקע אויספירנ, װאָס לאָזנ זיכ אויסטײלנ פונ דער ערשטער טײל זשוקאָװסקעס ארבעט קומענ צו צום סאָפ פונ דער ארבעט נאָכ צװײ פארסאכאקלענדיקע אויספירנ:

1) „מארקישעס דיכטערישער זיקאָרנ, מארקישעס אינטויִטיװ-אָנגעזאמלטע בילדער-װעלט—זײַנענ איבערהויפּט נאציאָנאלע" (היסטאָרישקײַט בענעגײע צום ײִדישנ שטאָט אונ סכעמאטיזם בענעגײע צו רעװאָליוציאָנערנ).

2) „מארקישעס קינסטלערישע רעפלעקסיאָלאָגיע... איז אָנגעצילעװעט ניט אפ די אינערלעכע אָרגאניזירנדיקע, סינטעטישע קרעפטנ פונעמ גרויסנ רעװאָ־ליוציאָנערנ כאאָס, נאָר אפ זײַנ שטורעמדיק-פּאטעטישער, איבערראשנדיקער אויסערלעכער סטיכײיִשקײַט". דער ארטיקל פארענדיקט זיכ מיט א װונטש, אז מארקיש „דער סאמע דינאמישסטער ײִדישער דיכטער" זאָל בײַקומענ די דיספּראָפּאָרצ, װאָס איז פאראנ אינ זײַנ אומגלײַכמעסיקער עװאָליוציע, ער זאָל אויסגלײַכנ דעם אײַנרײַס צװישנ פאָרמע אונ אינהאלט, װאָס איז פאראנ אינ זײַנ שאפנ, אדאנק די גרעסערע דערגרײכונגענ אינ פאָרמעל-קינסטלערישנ זינ, װי אינ אידעאָלאָגישנ".

מיט דעם ארטיקל האָט כ׳ זשוקאָװסקי געשטעלט זיכ א ציל באהאנדלענ נאָר די קאָמפּאָזיציע פונ „ברידער", אָבער אומבאמערקט פאר זיכ אלײנ גײט ער ארויס פונ די „קאָמפּאָזיציעס-גרענעצנ" אונ לײזט א גאנצע רײ װיכטיקסטע

גרונט-פראגעס בענעגייע מארקישעס שאפנ: די פראגע וועגנ זיינ יערושע, וועגנ דער פערספעקטיוו פונ זיינ ווייטערדיקנ קינסטלערישנ וווּקס א. א. וו. דער ארטיקל איז זיכער דער בעסטער פונ די, וועלכע מיר האָבנ וועגנ מארקישנ. דער כיסאָרנ פונ ארטיקל ליגט אינ זיינ געבוי. ער איז צופיל צעיאָרט. אסאכ מאָל רעזומירט דער אווטער זיינע „אויספירנ" אונ דאָכ דארפ מענ זיי אויסגראָבנ, אויסגעפינענ. וועלנ מיר איבערפראזירנ זשוקאָווסקיס גופע: זשוקאָווסקי—דער גלענצנדיקער קריטיקער איז געוועזנ א שלעכטער קאָנסטרוקטער... עס פארשווערט דעם לייענער די, ערטערווייז, צו שווערע שפראכ, די העברעיישע פסוקים. ביקלאל איז דער איינדרוק פונעם ארטיקל, אז דער כ' זשוקאָווסקי איז געשטאנענ פארנ ווערק ווי פאר א ריזיקנ אטלעט אונ ניט געוווּסט פונ וועלכער זייט אים נעמענ, געפרווּט אהער, געפרווּט אהינ, ביז דער יונגער שטיפער קריטיקער האָט, סאָפּקאָלסאָפּ, אים אינ א באדייטנדיקער מאָס בייגעקומענ.

* * *

כ. דונעצ—„עפּאָפּייע פונ בירגערקריג" („אינ שלאכטנ", צענטערפארלאג, מינסק, 1931).

א קליינער ארטיקעלע וועגנ א גרויסער עפּאָפּייע („ברידער"), 4 זייטנ וועגנ א בוכ פונ 270 איז א ביסל צו קנאפּ, ביפראט, אז אינ די איבעריקע ארטיקלענ פונ דער זאמלונג איז וועגנ מארקישנ גאָרנישט ניטאָ. אפילע אזא שרייבער ווי ם. טייפנ האָט כ' דונעצ געשענקט צוויי מאָל מער אופמערקזאמקייט. דאָס דערקלערט זיכ מיט דעם, וואָס דער ארטיקל באצייכנט בלויז „דעם ערשטנ איינדרוק", וואָס דאָס ווערק האָט געמאכט אונ פרעטענדירט ניט צו געבנ א גענויעם אנאליז פונ ווערק, מאַשמאָעס, ווייל „אפּ דעם איז קיינ צייט אונ געדולד ניטאָ"...

אלס אזא איז אָבער דער ארטיקל א גאנצ אינהאלטרייכער. כ' דונעצ ווייזט אָנ אפּ דער גרויסער פּאָזיטיווער באדייטונג פונ בוכ: זיינ ברייטנ פארנעם, די אקטועלקייט פונ דער טעמאטיק, די רייכקייט אינ פאָרמעס, דער גוואלדיקער דיכטערישער טעמפּעראמענט, דער דינאמישער סטיל, „דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער טאָכ, וואָס שרייט ארויס פונעם בוכ" א. א. וו. דער אווטער האָט גוט אָנגעטאפּט אויכ די וויכטיקסטע שוואכע זייטנ פונעם ווערק: „די רעוואָליוציע-שטימונגענ זיינענ בא אים ניט דערפירט צו דער שטופּע פונ ציל-אָרגאניזירטקייט"; אינ דער רעוואָליוציע זעט מארקיש „מערידע אונ פראָטעסט ווי א זעלבסטציל", ער פארזעט אָבער „דעם סאָציאלנ זינ אירנ". פאר מארקישנ „זיינענ געבליבנ ערגעצ פארדעקט „די אָרגאניזירנדיקע פרווּשינעס פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע". מארקיש שווימט איבערנ אויבערפלאכ. „ער דרינגט ניט ארייַנ אינעווייניק, ער נעמט דעם אויסנ פונ פארשיידענע זייטנ" א. א. וו. דאָס אלצ איז געווּיס דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס איז פאראנ צו זאָגנ וועגנ „ברידער".

דער ארטיקל איז אָבער אָנגעשריבנ געוואָרנ שטארק קאָנספּעקטיוו. די אלע דערמאָנטע סעזיסנ זיינענ געבליבנ ניט אנטוויקלט. כ' דונעצ קאָנסטאטירט גאָר, אָבער דערווייזט ניט. נאָכ א גרונט-כיסאָרנ האָט דער ארטיקל:



צופיל לויבגעזאנג אונ צו ווייניק מי זיכ געגעבנ אויסצוגעפינענ דעם אידעאָלאָגישנ יאָדער פונעם ווערק. אָט, לעמאָשל, מערקט אָפּ דער אווטער גאנצ ריכטיק מארקישעס פארבענקט זיינ נאָכנ מיליטערישנ קאָמוניזם. ער דערקלערט אָבער ניט די סאָציאלע נאטור פונ אָט דער „בענקשאפט". דעם ניט דערפארנעם לייענער קענ דעריבער פארפירנ אזא אויספיר: „אָבער מארקישעס סטיכיע איז דער מיליטערישער קאָמוניזם. דאָרטנ האָט ער געשעפּט היצ, טעמפּ, פארבנ... איז עס דעריבער ניט נאָר א קינסטלעריש ווערק, נאָר אויכ א דאָקומענט פונ א גרויסער היסטאָרישער עפּאָכע". די לעצטע פראזע איז ניט נאָר פארפירעריש, נאָר אינ גרונט גענומענ פאלש: ווי באדייטנדיק ס'זאָל ניט זיינ דער קינסטלערישער ווערט פונ מארקישעס „ברידער", קענ עס בעשום־אופנ ניט באטראכט ווערנ פאר א „דאָקומענט פונ דער עפּאָכע", ביפראט, ווענ אינ אָנהייב ארטיקל שרייבט דער אווטער גופע וועגנ דעם, אז „דער סיפּער-האמייסע פונ די צוויי ברידער אזריעל אונ שלוימע-בער... איז נאָר א לעגענדארער געוועב פאר דער נאָכ מער לעגענדארישער, גרויסארטיקער מילכאָמע אונ רעוואָליוציע-עפּאָפּייע"...

פאראנ נאָכ א סטירע. אינ איינ אָרט ווערט געזאָגט (זייט 179) „מארקיש האָט דאָ ווי פארקערפּערט די מאסשטאבנ פונ דער רעוואָליוציע, קעדיי אזוי ברייט אונ מיט דער פולער האנט *איבערגעבנ* דעם דאָזיקנ אויסערלעכ-כאאָטישנ אונ אינערלעכ־רעוואָליוציאָנער־אָרגאניזירטנ פעריאָד" (דאָס אלצ ווערט געזאָגט וועגנ גאנצנ בוכ, ניט וועגנ באזונדערע קאפּיטלעכ) אונ עטוואָס ווייטער קומט שוינ דער אווטער צום אויספיר, אז „אונטערוועגנס"—דאָס איז די גרונט-כאראקטעריסטיק פארנ בוכ. די סאָוועטנמאכט אונטערוועגנס—אָט דאָס איז טאקע מארקישעס טעמע אונ דעריבער (?), ווייל ער איז אונטערוועגנס אונ בארוישט, רעדט מארקיש, וועגנ „ערגעצ קלעטערנ" אונ „ערגעצ שטייגנ" אונ... מע ווייס ניט וווּהינ עס פירט דער „ערגעצ"... דאָס זיינענ דערוואכטע, נאָר נאָכ ניט קיינ אָרגאניזירטע רעוואָליוציע־אינסטינקטנ". ווי קענ מענ מיט נאָכ ניט קיינ *אָרגאניזירטע „רעוואָליוציע־אינסטינקטנ איבערגעבנ מיט דער פולער האנט* דעם אויסערלעכ-כאאָטישנ אונ *אינערלעכ-רעוואָליוציאָנער-אָרגאניזירטנ* פעריאָד? נאָכמער פארדריסלעכ איז, וואָס ריידנדיק וועגנ אינטערנאציאָנאלנ טאָכ פונעם בוכ פארשווייגט דער אווטער פונ ארטיקל די היפּשע נאציאָנאליסטישע דורכרייסנ אינעם זעלבנ ווערק.

## VII

י. נוסינאָוו—„פונ נאציאָנאלנ טרויער צו סאָציאלנ טרייסט" (זשורנאל „רויטע וועלט", נומ. 8, 1929).

כ' נוסינאָוו הייבט אָנ זיינ ארטיקל וועגנ „דאָר איינ דאָר אויס", ווי זיינ שטייגער איז, פונ גאנצ ווייט. אינ ערשטנ קאפּיטל ברענגט ער א „האמלעטישע" בקירע וועגנ דעם, אז בא אונדז איז נאָכ דער רעוואָליוציע ניט געווענ קיינ פראָזע, דערפאר, וואָס „ס'איז צעפאלנ דער בתוך פונ צייט", „דער פראָזאיקער איז מאכטלאָז געווענ, ביז דער בתוך פונ צייטנ האָט זיכ ווייטער אָנגעקניפּט, ביז פראָצעסנ האָבנ זיכ אויסגעפאָרמירט, ביז נייע לעבנ-פאָרמענ האָבנ זיכ ארויס-

קריסטאַליזירט" א. א. װ. כ' נוסינאָװ װעצט פֿאָר: „קעדײַ שאַפֿן פֿולע געשטאַלטן, איז נײטיק געװען ס'זאָל קומען די מער סטאַבילע (?!) צײַט, די קאָנסטרוקטיװע צײַט".

איצט, נאָך אַ רײ שטעפּערישע דיסקוסיעס איבער דער פֿראַגע, איז שױן עפּשער איבעריק צו דערװײַזן, אַז אָט די טעאָריע איז אונדז פֿרעמד. מיר פֿאָדערן פֿון שרײַבער ניט נאָר געבן די פֿאַרגאַנגענהײַט, נאָר אױך די צאַפּלדיקע קעגנװאַרט. פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור פֿאָדערן מיר זי זאָל אַפֿילע אונדז קינסטלעריש אַנטפּלעקן די פּערספּעקטיװן פֿון אונדזער װײַטערדיקער אַנטװיקלונג, זי זאָל אונדז װײַזן ניט נאָר שױן איבערגעקומענע פּראָצעסן, נאָר אױך די טענדענצן פֿון די נאָענטסטע פּראָצעסן, װעלכע קלאַפּן שױן אין די טירן פֿון אונדזער װירקלעכקײַט. יעדנפֿאַלס טאָר די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור ניט שלעפּן זיך אין „אָבאָז" פֿון דער געשיכטע, נאָר, פֿאַרקערט, זי דאַרף האַנט בײַ האַנט מיט דער װיסנשאַפֿט גײן אין אַװאַנגאַרד, פֿירן פֿאָרױס.

די מאַרקסיסטישע קריטיק האָט פֿאַרורטײלט דעם לאָזונג פֿון „אַװאַנגאַרדיזם" בנוגע דעם עטיוד, אָבער פֿאַרורטײלט האָט זי עס בלױז דערפֿאַר, װײַל די, װעלכע האָבן גערעדט װעגן דער אַװאַנגאַרדישער ראָליע פֿון עטיוד האָבן טאַקע זײער שטאַרק געהאַלטן פֿון כ' נוסינאָװס „פֿאַרשפּעטיקונג-טעאָריע", אַז „עכטע", קינסטלערישע װערק, גרױסע לײַװנטן קען מען שאַפֿן נאָר פֿון אַ באַדײַטנדיקער געשיכטלעכער דיסטאַנץ. דערמיט האָבן זײ שױן פֿאַר אײנװעגס פֿאַרלײקנט די קינסטלערישע באַדײַטונג פֿון עטיוד גופֿע און דערקלערט אים, פֿאַר אַ מין פּאַליאַטיװ, מיט װעלכן מע דאַרף זיך צופֿרידנשטעלן ביז אַ געװיסער צײַט, ביז ס'װעט אָנקומען די „עמעסע קונסט".

רײדנדיק װעגן דער סאָװעטישער ליטעראַטור פֿון ערשטן יאָרצענדליק, האָט כ' נוסינאָװ, באַװוסטזיניק צי אומבאַװוסטזיניק, אַרױסגעלאָזן פֿון זינען דאָס, װאָס גראָד דער פּראָלעטאַרישער סעקטער פֿון דער סאָװעטישער ליטעראַטור האָט אין די יאָרן פֿון „צעפּאַלענעם בונד" געשאַפֿן זײער באַדײַטנדיקע קינסטלערישע װערק אין פּראָזע (פֿורמאַנאָװס „טשאַפּײַעװ", „מיאַטעזש", סעראַפֿימאָװיטשעס „אײַזערנעם שטראָם" א. א. װ.). די סיבע, װאָס אין דער ייִדישער סאָװעטישער ליטעראַטור איז געװען זײער װײניק פּראָזע, ליגט עפּשער אין דעם, װאָס אין איר איז נאָך זײער שװאַך געװען דער פּראָלעטאַרישער קאַדער, און די קלײנבירגערלעכע מיטלױפֿער זײַנען טאַקע ניט געװען בעקױעך געבן עפּעס מער, װי אַביסל ריטאָרישע געזאַנגען, קורצאָטעמדיקע פֿאַרצײכענונגען א. א. װ. (אַ פֿאַקט איז, אַז װען דער פּראָלעטאַרישער פֿליגל האָט זיך פֿאַרשטאַרקט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן מיר גענומען באַקומען באַדײַטנדיקע װערק, סײַ אין דער פּאָעזיע, סײַ אין דער פּראָזע, און דאַנקען פֿון צאַפּלדיקן הײַנט, אָן קײנע באַזונדערע דיסטאַנצן: „מיט לײַב און לעבן", „בירעבידזשאַנער", „װילדגראָז", „הערשל שאַמײַ" א. א. װ.).

דער כ' נוסינאָװ סוס זײער גוט, װאָס ער באַהאַנדלט מאַרקישעס ראָמאַן „דאָר אױס דאָר אײַן", פֿאַרגלײַכנדיק אים מיטלװײַז מיט דער פּאָעמע „ברידער". אַ געװיסע טעמאַטישע ענלעכקײַט איז אין די בײדע װערק געװיס פֿאַראַן. געװיס איז אױך פֿאַראַן אין די בײדע װערק אײניקע אַלגעמײנע אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונגען, װי, צ. ב., אידעאַליזאַציע פֿון „בונד", אידעאַליזאַציע פֿון ייִדישן



קלעריקאַליזם א. אנד. כ' נוסינאָװ באַהױפּטעט אָבער, אַז „נאָר גרױסע װערק זײַנען אַלעמאָל געשאַפֿן געװאָרן פֿון שרײַבערישע (?) לעבן-געשטאַלטן, לעבן-איבערלעבונגען" (סאַראַ איװורע!), אַז יעדער גרױסער שרײַבער האָט זיך זײַן (אָדער זײַנע) „לעבן-באַגלײטער". און אַז „גרױסע שרײַבער ערן זיך אום, דערעכאַגעװ, צענדליקער מאָל צו אײן און דער זעלבער געשטאַלט, האַגאַם, זײ גיבן זי אונטער פֿאַרשײדענע נעמען, און פֿרװון שאַפֿן פֿאַר איר פֿאַרשײדענע סיטואַציעס". דאָס איז פֿאַלש.

שױן ניט רײדנדיק װעגן דעם, װאָס דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַבסאָליוט ניט קײן שום שײַכעס ניט צו די בײדע דערמאָנטע װערק, ניט צו מאַרקישן בכלל (אין די דערמאָנטע װערק זײַנען ניטאָ אַזױנע העלדן, װאָס זאָלן זײַן באַדײַטנדיק ענלעך אײנער צום אַנדערן, ענלעך זײַנען נאָר די סכעמעס פֿון די װערק, דער טעמאַטישער שטאָף א. א. װ.), איז ער נאָך אַ פֿאַלשער אין טאָך דאָס אומקערן זיך צו אײנע און די זעלבע געשטאַלטן איז ניט קײן סימען פֿון „גרױסקײַט", װי כ' נוסינאָװ װיל האָבן, נאָר, פֿאַרקערט, אױב מיר באַגעגענען זיך אָפֿט מיט אַזעלכע פֿאַלן אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור, איז עס נאָר אַ סימען פֿון שרײַבערס קלאַסעװער באַגרענעצטקײַט, פֿון זײַן שמאָלער לעבן-דערפֿאַרונג. דאָס איז אָבער זיכער ניט קײן מוז-זאַך פֿאַר יעדן מער דערפֿאַרענעם, װײניקער באַגרענעצטן בורזשואַזן שרײַבער און געװיס שױן ניט פֿאַר קײן פּראָלעטאַרישן. ציִענדיק װײַטער אָט דעם געדאַנק קאָן כ' נוסינאָװ קומען צו פֿערעװערזעװונג.

װיכטיקער איז אָבער דאָס, װאָס אײַנזעענדיק געװיסע ענלעכקײַטן אין בײדע אױבנדערמאָנטע װערק, פֿאַרזעט דער כ' נוסינאָװ זײער פֿאַרשײדנקײַט. ער האַלט, אַז „אין טאָך זײַנען בײדע װערק אײן גרױסע עפּאָפּײע. אין בײדע װערק זײַנען פֿאַראַנען „די זעלביקע געשטאַלטן, די זעלביקע אידעאָלאָגישע ציל-אײַנשטעלונג, די זעלביקע סאָציאַלע פּערספּעקטיװ". בעמײלע, איז שױן קלאָר, אַז „אָפּ דעם װעג פֿון סאָציאַלן שטאַם, װאָס פֿון אים קומט פּ. מאַרקיש צו דער רעװאָליוציע, זײַנען בײדע ביכער — סײַ „ברידער", סײַ „דאָר אױס דאָר אײַן" — אַ װיכטיקער, ריזיקער שריט".

די מײַסע איז אָבער ניט אַזױ. אױב „ברידער" איז טאַקע געװען מאַרקישעס אַ טריט פֿאָרױס צו דער פּראָלעטאַרישער רעװאָליוציע, האָט ער אָבער מיט „דאָר אױס דאָר אײַן" געמאַכט צװײ טריט צוריק. דאָס לעצטע װערק איז אַ טריט צוריק אַפֿילע לעגאַבע „דער קופּע", װעלכע כ' נוסינאָװ שטעלט אַרײַן אין אײן צעטל מיט קיפּניסעס „כאַדאָשים און טעג" און אַנדערע װערק װעגן פּאָגראָמען.

ביכדײ צו פֿאַרגלעטן דעם אָפֿענעם נאַציאָנאַליזם פֿון „דאָר אױס דאָר אײַן", ביכדײ צו קאַשערן די מיסטיק, די „קידעש-האַשעם-אידעאָלאָגיע" פֿון דעם זעלבן װערק און באַרעכטיקן זײַן טעזיס װעגן דעם „ריזיקן װיכטיקן שריט" איז דעם כ' נוסינאָװ אײַנגעפֿאַלן אָפּצולײקענען דעם גאָט-לעסטערישן כאַראַקטער פֿון „דער קופּע". „דאָס איז אַפֿילע ניט געװען (די קופּע" — ד. ק.) קײן שטרײַט מיט גאָט, קײן גאָט-לעסטערונג, פּאָטעס (?) דערפֿאַר... װײַל ניט

מארקיש אונ ניט זיינע ליינער גלויבנ מער ניט אינ גאָט, דעריבער איז דער גאָט-קעמפערישער טייל געווענ דעריקער אנ אינסצענירונג".

א שיינע מאָטיווירונג!! געווים איז אינ מארקישעס גאָט-לעסטערונג פאראנ א היפש ביסל ראדיקאל-אינטעליגענטישער אָנשטעל. איז וואָס איז דערפונ געדרונגענ? דארפ מענ דענ דעריבער פארלייקענענ דעם עצעם פאקט פונ גאָט-לעסטערונג?

אָט די גאנצע „קופּע" האָט נוסינאָוו געבראכט צושלעפנ, קעדיי צו דערחייזנ, אז אינ „קופּע" איז מארקיש אינ סאָכ „געבליבנ אינ די ראמענ פונ דער נאציע, פונ דער איינהייטלעכער נאציאָנאלער דראמע", ביים אינ „דאָר איינ דאָר אויס" „גיט—פ. מארקיש—ארויס פונ די ראמענ פונ נאציאָנאלנ". „מענדלס אומקומ איז דאָ א סאכאקל פונ וועלט-פּראָצעס". דער פּאָגראָם אינ „דאָר איינ דאָר אויס" איז שוינ א „בלאָס פונ מילכאָמע אונ רעוואָליוציע".

ס'איז אבסאָליוט אומפארשטענדלעכ! „די קופּע" איז דאָכ אויכ אָביעקטיוו א סאכאקל פונ דעם „וועלט-פּראָצעס"? עס האנדלט זיכ דאָ אויכ וועגנ איינע אונ די זעלבע פּאָגראָמענ פונ 18—1920 יאָרנ. די זאכ איז דאָכ ניט אינ דעם, וואָס אינ „דער קופּע" האָבנ מיר נאָר פּאָגראָם-מאטעריאל. אונ דאָ האָט מארקיש צוגעגעבנ צו דעם נאָכ מאטעריאלנ. דעריקער איז דאָכ די קלאסנ-באלויכטונג פונ דעם מאטעריאל, די אידעאָלאָגישע ציל-געווענדקייט פונ אווטער. איז ווי האלט דאָ? איז דענ דער אידייענ-קאָמפּלעקס פונ „דאָר איינ דאָר אויס" א מער פּראָגרעסיווער ווי אינ „קופּע"? לאכלוסנ ניט. פארקערט, „אינ „קופּע" איז פאראנ,—ווי כ' נוסינאָוו אליינ ווייס,—א בונט קעגנ נאציאָנאלנ (נאציאָנאליסטישנ—ד. ק.) קאָלעקטיוו פונ א מענטשנ, וואָס איז ביז נעכטנ דאָרטנ געשטאנענ". „די קופּע" איז געווענ (צו יענער צייט—ד. ק.) די רעוואָליוציאָניזירנדיקסטע ווערק פונ אונדזער גאנצער פּאָגראָם-ליטעראטור". זי האָט אינ אלגעמיינ געהאט „א רעוואָליוציאָניזירנדיקנ באטייט".

נו, אונ דער ראָמאנ „דאָר איינ דאָר אויס", אינ זיינ צייט, האָט אויכ געהאט אזא באטייט? כ' נוסינאָוו שמועסט אונדז איינ, אז דאָ איז ניטאָ קיינ „קידעש-האשעם-אידעאָלאָגיע". ער פארלויפט אונדז דעם וועג: „וואָס איז מענדל?—צי איז ער נאציאָנאלע אידיי? די פאָרזעצונג פונ דער „גאָלדענער קייט" פונ מעסירעס-נעפעש צוליב קידעש-האשעם? (וואָס פאר א טרעפער...).

—ניינ. מענדל איז ניט קיינ אייביקע אידיי. ער איז „א לעצטער פאקט".

וואָס הייסט א פאקט בא א שרייבער, אויב ניט א שטיק אידיי? ביפראט, אז דער „פאקט" פארנעמט העכער דריי פערטל פונ בוכ. איז עס דענ ניט די צענטראלע אידיי פונ ווערק? דאָס גאנצע ווערק שווימלט דאָכ אונ גריבלט מיט מענדלס הייליקער מעסירעס-נעפעש! כוצדעם, נעמט נאָכ מענדל אפּ זיכ די שולד פונ אלצ אונ אלעמענ. ער פילט זיכ שולדיק פאר דער מילכאָמע, פאר דער רעוואָליוציע, פאר די פּאָגראָמענ, פאר די האריגעס פונ די ווייסע, פאר די צעשיסונגענ פונ די רויטע, פאר דער יאָמקיפּערדיקער דעמאָנסטראציע



א. א. וו. ער איז „שולדיק" עוזרענ, בערעלע קאסאָרושאנ, סענדערנ אונ וועמענ ניט? — אפילע דעמ קליינינקנ אלעקסאנדריקנ... דער אונטערשייד פונ אימ ביז באלעגופ רעב סענדערנ איז נאָר דער, וואָס יענער טייַנעט, „אלצ מיר ייִדנ, אליינ שולדיק", אונ מיינט ער „די אלע קאסאָרושאנעס אונ באלעגאָלעס", מיט וועלכע ער האָט זיכ באצייטנס ניט צערעכנט... (ז. 238) אונ דער גרויסמוטיקער מענדל נעמט אלצ אפ זיינ אייגענעמ קאָפּ. צי איז דאָ ניט בוילעט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע פונ „קאָל ייִסראָעל ארייווים זע באָזע" (אלע ייִדנ זיינענ אָרעוו איינער פאר דעמ אנדערנ)? אָבער ניט נאָר דער „דאָר אויס", נאָר אויכ דער „דאָר איינ" האלט זיכ, לויט מארקישנ, בא דער זעלביקער אידעאָלאָגיע. זי באקומט נאָר אנ אינטעליגענטישנ אונטערשלאק: „עוזרע האָט דערפילט, אז אָט דעמ גאנצנ פארשיידנארטיקנ בראָכווארג... איז ער עפעס שולדיק. ער איז שולדיק אָט די איינגעשפאנטע יאָכ-טרעגער — זיינ פרייהייט. אָט די אלע קאליקעס איז ער שולדיק זיינע הענט, זיינע פיס. אלעמענ איז ער עפעס שולדיק אונ סאָניענ איז ער עפעס שולדיק. אונ דעמ קינד איז ער שולדיק. אונ אימ, קורגאנאָוונ, איז ער שולדיק. ער ווייס אליינ ניט, וויפל ער איז זיי אלעמענ שולדיק" (113). ציט זיכ דאָ דענ ניט קיינ „גאָלדענע קייט" פונ אונדזערע אָוועס דורכ רעב מענדלענ צו עוזרענ בערעב מענדל?

כ' נוסינאָוו פארזיכערט אונדז, אז „מארקיש איז מייַלנ ווייט פונ אזא אינטערפּרעטאציע (פונ „קידעש-האשעמ"). ער קענ זיכ שווערנ! וועהאָרייע? „דער קאָלעקטיוו איז פויל אונ פארפוילט. קיינ איינער אינ שטעטל איז ניט פייִק נאָכגיינ מענדלענ".

איז, ערשטנס, האָט מארקיש ניט דאפקע „געמוזט" געבנ עטלעכע „גיבויִריי ייִסראָעל", ער האָט זיכ געמעגט באנוגענענ מיט איינעמ... צווייטנס, איז ניט ריכטיק, אז ער גיט דאָס שטעטל פויל אונ פארפוילט. דער ראָוו, לעמאָשל, איז א גאנצ פאטריאַרכאלער ייִד, גייט זיכ זייער רויִק צו דער סליע. רעב סענדער איז אויכ א שיינער ייִד, דאָס וואָס ער איז ניט אזא העלד שאדט גאָרניט. פויל אונ פארפוילט ווייזט אונדז מארקיש נאָר (אכוץ דעמ מיניסטער) דעמ באלעגאָלע, וועלכער הייבט אָנ, ווי א מיטפילער פונ די באָלשעוויקעס אונ ענדיקט, ווי אנ איבערפּעקלער פונ סאכארינ... ס'איז אויכ ניט ריכטיק, אז קיינ איינער איז ניט פייִק נאָכגיינ מענדלענ. רעב מענדל איז זייער אָנגענומענ אינ שטעטל, רעכנט זיכ פאר א בעקאָוועדיקנ באלעבאָס. יעדערער פאָלגט, וואָס ער הייסט. אימ פאָלגנ אפילע די שטעטלשע יונגע מיידלעכ. זיי גייענ איינשטעלנ זיכ דעמ לעבנ אפ דער הוליאנקע בא די באנדיטנ. אונ דער אָרעמער שוסטער קאנאריק? — יענער איז שיר ניט אזא העלד ווי מענדל; נאָכ פארשטענדלעכע וואקלענישנ גיט ער אָפּ זיינ איינציקע טאָכטער פאר א קאָרבנ, קעדיי צו ראטעווענ דעמ קלאל-ייִסראָעל. אמ ענדע, — אָט די זעלבע טאמעוואטע אומבאוועגלעכע טאָכטער פירט אויכ אויס די ראָליע פונ דער היסטאָרישער נאציאָנאלער „העלדינ" — יעהודיס... נוסינאָוו דערציילט אונדז ווידער א מייסע וועגנ א פאקט. דאָסמאָל שוינ אנ עמעסער פאקט — א מייסע שעהאָיאָ: אזא בינ סאָרט מיידל זאָל ווירקלעכ האָבנ מאקע עקזיסטירט דאָרטנ אונ דאָרטנ... דאָס האָט אָבער אבסאָליוט קיינ שייכעס ניט צומ עצעמ איניענ. דער פאקט בלייבט א פאקט.

ס׳איז שווער אויסצופירלעכער זיך אָפּצושטעלן אויף די אָן אַ שיר פעלערהאַפטע האַנאַכעס אין כ׳ נוסינאָווס אַרטיקל. דאָס וואָלט געדאַרפט אָפּנעמען טיר־פינף מאָל מער פּלאַץ, וויפל עס פאַרנעמט דער עצעם אַרטיקל. מיר ווילן דאָ נאָר פאַרצייכענען, אַז נוסינאָוו פאַרשמירט ניט נאָר דעם נאַציאָנאַליזם פון דאָזיקן בוך, וואָס איז געווען צו יענער צײַט אַן אויסדרוק פון בורזשואַזע ווירקונגען אויפן מיטלויפער מאַרקיש. ניט נאָר ער פאַרגלעט די סכעמאַטישקײַט, בלאַסקײַט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין „דאָר אײַנס דאָר אויס״. ניין. נוסינאָוו לייקנט איינפאַך שטיין און ביין; מאַרקיש „האָט אויסגעמיטן רעוואָלוציאָנער-אידעאָלאָגישן סכעמאַטיזם און נאַציאָנאַליסטישע באַנאַלקײַט״. באַזונדערס קלײַבט כ׳ נוסינאָוו נאָכעס פון דער הויכער מאַדרייגע „אָביעקטיווקײַט״, צו וועלכער מאַרקיש האָט זיך דערהויבן אין דעם ווערק. אַזאַ מין „אָביעקטיווקײַט״, מישטיינס געזאָגט, קען אימפּאָנירן נאָר אַ טיפּישן קליינבירגערלעכן אָביעקטיוויסט.

אַדאַנק דעם אָביעקטיוויזם האָט כ׳ נוסינאָוו פאַרזען דאָס, וואָס עס קען באַמערקן אַן איינפאַכער אַרבעטער-לייענער: מאַרקישן גיט זיך דאָרטן ניט אײַנ „בלײַבן באַם קינסטלערישן לעבן-עמעס״, נאָר ער גיט דאָרט אַ קאַריקאַטור פון עמעסדיקן לעבן; ניט נאָר וואָס מאַרקיש האָט ניט געגעבן קיין פיגורן פון רעוואָליוציאָנערן „וועלכע די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נאָך ניט צו ווײַזן״, ער האָט געגעבן נאָר שאָטנס פון רעוואָליוציאָנערן. דאָס וואָס איז עכט און קינסטלעריש איז ניט רעוואָליוציאָנער, און דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זײַן רעוואָליוציאָנער איז ניט עכט און ניט קינסטלעריש.

אַדאַנק דעם אָביעקטיוויזם האָט כ׳ נוסינאָוו פאַרזען, אַז אין בוך איז פאַראַנען זייער פיל שרײַבערישע צוגעטראַכטקײַט, געשמאַקלאָזיקײַט, אַז דאָס דאָזיקע בוך פון קנאַפּע 400 זײַטן איז אָנגעפּיקעוועט מיט ווייניק באַדײַטנדיקע, אָפט גאָרניט זאָגנדיקע עפּיזאָדן און עפּיזאָדלעך, אַז אַ גאַנצע ריי עפּיזאָדן (גאָדלס מעשוגאַעסן, דער היצל א. א. וו.) זײַנען צעצויגן און צעוואַסערט. אַדאַנק דעם זעלבן אָביעקטיוויזם האָט נוסינאָוו געקענט שרײַבן, אַז אין פערזאָן פון דעם מעשוגענעם „נאָווי״ האָט מאַרקיש „אויסגעקליבן דאָס בעסטע... פון דער אונטערגייענדיקער וועלט״. דאָס בעסטע דערפאַר — „וואָס ער (דער מעשוגענער — ד. ק.) גאַרט אַ סאָף מאַכן צו דער וועלטס גאָלעס״. נוסינאָוו באַמערקט ניט די פאַלשקײַט פון דער „געוויעס״, וואָס מאַרקיש לייגט אַרויף דעם מעשוגענעם אויפן צונג. נוסינאָוו מורמלט עפּעס אונטער וועגן „שאָלעם-אַלעכיים׳אַדע״ אויף עפּעס אַ פּאָר זײַטלעך אין ווערק. נאָר ער האָט ניט קיין דרייסט צו דערמאָנען, אַז אָט אָ די „שאָלעם-אַלייכעמ׳אַדע״ איז איינע פון די הויפּט־נוסכאָעס אין בוך. בײַ מאַרקישן קען געמאָלט זײַן, אַז אַ רוסישער אינטעליגענט זאָל טראַכטן אויף אַזאַ אופן: „ניטאָ מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן איבערן פּראָספּעקט. ניטאָ. אַמאָל איז געווען אַלעקסאַנדריק. איז מען געגאַנגען שפּאַצירן מיט אַלעקסאַנדריקן. געווען אַ פאַרגעניגן צו גיין שפּאַצירן מיט אַלעקסאַנדריקן... איצט איז שוין מער ניטאָ אַלעקסאַנדריק״ (331).

דער אָביעקטיוויזם-האָט נוסינאָוון פאַרפירט אַזוי ווײַט, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט רעב מענדלס „פינטעלע ייִד״ אין... אַ „פינטעלע טאַטע״,



קעדיי צו ריינוואַשן דאָס פינטעלע ייִד בײַ מאַרקישן. מיט דער זעלבער רעכט האָט שוין נוסינאָוו געקענט רייִדן... וועגן „פינטעלע ווײַדענע״, ווײַל אויך דער ווײַדע עוזעס איז געווען, אָן אַנהאַרע, אַ ייִד, וואָס קאָטערי: „דער אַלטער רעב הערש — דערציילט אונדז מאַרקיש און כאַזערט איבער עטלעכע מאָל — האָט געפירט די קלעזמער איבער די גאַסן, דעמלט ווען עס איז אויף: שטאָט אַרום-געגאַנגען די כאָליערע.

— „דאָ — דאָס שוואַרצע קעכל, און דערנעבן — די קאַפּעלע.

— פריילעך זאָל זײַן, קלעזמער!״

• • •

פרעגט שוין ניט. ס׳איז פריילעך! אָנשטאָט צו דערווײַזן ווי־אַזוי דער אָנגריף אויף די רעשטן פונעם קאַפּיטאַליזם אין רעקאָנסטרוקציעס פּעריאָד, וואָס רופט אַרויס אַ כײַישן ווידערשטאַנד מיצאַד די באַלעגופים — ברענגט אויך וואַקלונגען אין די רייען פון דעם ניט שטאַנהאַפטיקן קליינבירגערטום: אָנשטאָט אויפצודעקן ווי־אַזוי אויף די בורזשואַזע ווירקונגען האָבן געפונען אַזאַ בוילעטע אָפּשפּיגלונג אין מאַרקישעס ווערק פון דעם פּעריאָד („דאָר אײַנס דאָר אויס״ און „כאַוויירים קוסטאַרנ״) פאַרשמירט נוסינאָוו אויף דעם דורכרײַס בײַ מאַרקישן אָדער ריכטיקער געזאָגט — אויף די שאַרפע נאַציאָנאַליסטישע רודימענטן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנטפּלעקט אין זייער גאַנצן גלאַנץ.

דער כ׳ נוסינאָוו שלעפּט אָן אַ גאַנצע ריי צוגעלעגערטע טעאָריעס אַלץ צוליב באַרעכטיקן מאַרקישעס דורכפאַל, קעדיי פאָרשטעלן דאָס בוך פאַר דעם לייענער ווי אַן אָביעקטיווע ווערק פון אונדזער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקײַט. דאָ האָבן מיר, אָן שום ספק, איינעם פון די פּילצאָליקע אָפּאָרטוניסטישע פעלערן בײַ נוסינאָוון.

א. האַלדעס — „אַ דורכגעפאַלענער פרווו״ („פּראָליט״. נום. 5, 1929).

כ׳ האַלדעסעס אָפּשאַצונג פון „דאָר אײַנס דאָר אויס״ איז דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעך צו נוסינאָווס „מוזיקע״ קריטיק פון דעם זעלבן ווערק (זע אויבן).

כ׳ האַלדעס זיפּט דורך דעם אינהאַלט פון ווערק, שטעלט זיך גענויער אויף די כאַראַקטעריסטיקעס פון די הויפּט־העלדן און ווײַזט אויס, אַז אויך אין דעם ווערק איז די טעמאַטיק דעריקער אַ שטעטלדיקע. „די האַנדלונג קומט פאָר דעריקערשט אין שטעטל״, דאָס ראָוו העלדן זײַנען אויך שטעטלדיקע און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס שטעטל, וועלכע מאַרקיש מאָלט, „איז דאָפּקע ניט קיין קרעמעריש הויפּטזעכלעך... ס׳איז אַ שטעטל מיט גרויסע גאַרבאַרניעס״ א. א. וו. ווײַזט אונדז ניט מאַרקיש ניט די אַרבעטער, ניט דעם אַרבעטער־קאַמף און ניט דעם רעוואָליוציאָנערן אונטערערד. דאָס איז דערפאַר, וואָס „מאַרקיש האָט ניט די מינדסטע דערפאַרונג אין דער אַרבעטער האָרעפּאַשנער סוויווע, אינעם רעוואָליוציאָנערן אונטערערד, אינעם אָרגאַניזירטן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס״. „זײַן דערפאַרונג, ניט נאָר די לעבעדיקע — זײַן געיאַרשנטע קולטור-דערפאַרונג ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש״. זאָגט כ׳ האַלדעס ווײַזט אָן: מאַרקיש האָט דאָ אין זײַן זוכן דעם „גרויסן שבאָלצן ייִדן״, „דעם עוויגן יודע״, זיך אומגעקערט צום שפּעטיקן פערעצן פון „אויב ניט נאָך העכער״... מאַרקיש האָט, אַזוי אַרום, „פאַרווישט די קלאַסן-דיפערענציאַציע, וואָס איז געווען אין שטעטל״.

מיר האָבן דאָ—באַמערקט כ׳ האָלדעס — „איין גרויסע אידעע ייִדן, איין וואָנס, איין שטעטלדיקן קלאַל־ייִסראָעל. פאַר וועמען סע בלוטיקט און סע גייט אויס דער הייליקער מענדל. אויב עס איז פאַראַן א בערעלע קאַטאָרושאַן, ווערט ער אויך, סאָפּקאָלסאָם, געבראַכט צו קווורעס־ייִסראָעל. ער איז דער קאָרעס פון דער זעלבער אידעע ייִדן“.

דער קערן פון בוך איז פון איין זײַט—„נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגעטיק“, און פון דער צווייטער — „איבערפלעכלעך באַנומענע רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקײַט“.

כ׳ האָלדעס האָט געראַפּט צוגעבן — „פאַרקריפּלונג פון רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקײַט“. דאָס וואָלט געווען ריכטיקער. ער אַליין ווײַזט אָן אַף ניט ווייניק אַזעלכע מאָמענטן אין מאַרקישעס ווערק (די שילדערונג פון דער רויטער אַרמיי, דער נימעסער, מעגושעמדיקער פאַרברעכער אין דער ראָליע פון א פאָרזיצער פון רעוו. טריבונאַל, די שײנע אַנטירעליגיִעזע „פּראָפּאַגאַנדע“ און נאָך און נאָך).

כ׳ האָלדעס ווײַזט אויך אָן אַף אייניקע שטאַרקע ערטער אין בוך: סאַמבאָוו, די קאַזאַרמע, דער ראַבינער, די בעזשענצעס און „די גראָטעסקישע פיגור“ פונעם „ייִדישן מיניסטער“, אָבער פּרעוואַלירן פּרעוואַלירט די „יאָמים־נעראָים־שטימונג“, „די אַפּאָלאָגעטיק פון אַן אויסגעוועבטער אידייען־וועלט. אַפילע „דער גראָטעסק־טאָן טראָגט ניט אַרײַן קיין געזונטע סאָציאַלע אַטמאָספער אין בוך“. ווײַל — „די סאָציאַלע פּעדימער, וואָס ציִען זיך פון דעם מיניסטער צו באַשטימטע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, זײַנען גאַנץ בעפלהאַפּט“. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן ראַבינער.

כ׳ האָלדעס רעדט אין זײַן אַרטיקל גאַנץ אויספירלעך וועגן די ניט אײַנגעגעבענע רעוואָליוציאָנערע העלדן, וויִאַזוי „סאָוואַרישטש זאָרין“ איז פאַרהאַנדלט געוואָרן בא מאַרקישן אין אַן „עזרע בערעב מענדל“. און די פּאָליטקאַטאָרזשאַנקע סאָניע—איז עפּעס א אינטעליגענטישע הערצער־ברעכערן. דערצו נאָך „איז זי (און ניט נאָר זי—ד. ק.) מאַנעקעניש“ א. א. וו. אַסאַך אויבנויפיקער ווערט אין אַרטיקל אָפּגעמערקט די מיסטיק פון בוך, די שפּראַכלעכע וואַקכאַנאַליע, וואָס מיר האָבן אין ווערק. זייער ווייניק אָרט ווערט אָפּגעגעבן פאָרמעלע מאָמענטן ביקלאַל. פאַרשטייט זיך, ניט וועגן אַלץ האָט דער כ׳ האָלדעס געקענט ריידן אויספירלעך אין זײַן קורצן אַרטיקל.

דער שלוס אָבער פון אַרטיקל, אַז מאַרקישעס „פּרווו זיך פאַרמעסטן אַף גרויסע לײַוונטן אין פּראָזע, זײַנן פּרווו געבן א מין עפּאָפּייע פון מילכאָמע און רעוואָליוציע איז א פולקומער דורכפאַל“ און אַז „דער בוך איז אי שעדלעך, אי שוואַך“, איז צוליב אָט דער פאַראַלגעמיינערונג און צו שאַרפער קאַטעגאָרישקײַט פון דער פאָרמולע געוואָרן ניט קיין ריכטיקער.

דער כיסאָרן פון אַרטיקל ליגט נאָך אין אַן אַנדער פּלאַץ: נאָך דעם אַלעמען, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, איז דער אַרטיקל, פונדעסטוועגן, ניט גענוג פּאָליטיש פאַרשאַרפט.

כ׳ האָלדעס האָט ניט דערטאַפּט דעם אידעאָלאָגישן יאָדער פון עזרעס „שולדיקײַט“, ער פּאַסט עס אויס, ווי א שטריך פון א „צעשרויפטן אינטעלי-



גענט“, אָדער ווי עפּעס א מין שטימונג פון א „кающийся дворянин“. און באַמערקט ניט, אַז דאָס אַלץ איז עפּשער ריכטיק ריין פאָרמעל. אינדערעמעסן איז אָט די שולדיקײַט א שטריך פון דעם „בען מענדל“, פון דער ייִדישלעכער („קאָל־ייִסראָעל־אידעאָלאָגיע“ (זע אויבן).

א וויכטיקער פעלער איז אויך דאָס, וואָס כ׳ האָלדעס באַהאַנדלט דעם ווערק אינגאַנצן אָפּגעריסן פון פּערעץ מאַרקישעס פריִערדיקן שאַפן. די פריִערדיקע ווערק וואָלט נייטיק געווען צוציִען (כוץ צוליב באַוווסטע מאָטיוון) כאָטש צוליב דעם, קעדיי דערווײַזן, אַז מאַרקישעס „געיאַרשנטע קולטור־דערפאַרונג“ שטאַמט אין דעם פאַל ניט נאָר פון א פּערעצן, לעמאָשל, נאָר אויך פון... מאַרקישן גופע.

## וועגן דער פּיעסע „ערד“

א. כאַשין—פּערעץ מאַרקיש—„ערד“, „עמעס“, נום. 21, 1931.
י. נוסינאָוו—„ניט גערײַגעט“, „עמעס“, נום. 65, 1931.
א. דאַמעסעק—„ניט גערײַגעט“, „אָקטיאַבער“, נום. 113, 1931.

מאַרקישעס פּיעסע „ערד“ שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבעראַרבעטונג פון דער פּאָעמע „ניט גערײַגעט“. געדרוקט איז זי נאָך אין ערגעץ ניט געווען, דאָך זײַנען שוין געווען א ריי רעצענזיעס וועגן דער שטעלונג פון אָט דער פּיעסע אין פאַרשיידענע טעאַטערס. אַף וויפל מע קאָן אורטיילן פון אָט די אָפּרופן, איז צו זען, אַז דער סיוזשעט פון דער פּיעסע איז קימאַט דער זעלבער, וואָס אין דער פּאָעמע; די העלדן—אויך די זעלבע, און אַז ביקלאַל פאַרמאָגט די פּיעסע די זעלבע גרונט־מײַלעס און גרונט־כעסרוינעס, וואָס די פּאָעמע.

פון די רעצענזיעס וועלן מיר דאָ ברענגען נאָר דאָס, וואָס געהערט דער פּיעסע, ניט דער שטעלונג אין אַלגעמיין.

כ׳ כאַשין רעצענזירט די שטעלונג פון דער פּיעסע אין מאָסקווער מעלוכישן טעאַטער (געוועזענער „קאָרש“־טעאַטער). פון די מײַלעס, וואָס די פּיעסע פאַרמאָגט, ווײַזט ער אָן—1) אַף איר הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק, 2) אַף דעם שילדערן דעם נײַעם העכערן עטאַפּ אין דער איבערוואַנדערונג (קאָלעקטיוויזאַציע), 3) ליטעראַרישקײַט פון דער פּיעסע, די דאָמינירונג פון טעקסט אין דער פאָרשטעלונג און 4) גוטע טרעפלעכע עפּעקטפולע עפּיזאָדן. כעסרוינעס אין דער פּיעסע געפינט דער כאַווער כאַשין, ערשטנס, אין דעם, וואָס די פּיעסע איז אָרעם אין האַנדלונג, „אין גרונט פון דער פּיעסע איז געלייגט דער פּלאַקאַטיש־רעדנערישער מעטאָד“. 1) מע זעט ניט קיין אַקציעס. 2) די עפּיזאָדישקײַט פון דער פּיעסע, דאָס פעלן פון „א קלאָרער שפּאַנענדיקער אינטריגע“. 3) „נאָך א גרויסער בלויז אין דער פּיעסע איז, וואָס די ייִדישע סוויווע איז דאָ געגעבן געוואָרן איזאָלירט, אָפּגעריסן פון דער ניט־ייִדישער אַרומרינגלונג“. 4) דאָס פעלן פון „אָרט־קאָלאָריט“, „דאָס וואָס די פּיעסע איז אויסער רוים... פאַרשטעלערט שטאַרק איר סאָציאַלע באַזע“. 5) געוויסע סכעמאַטישקײַט אין מאָלן אייניקע העלדן (דעריקער די פּאָזיטיווע). 6) אין פּערזאָן פון קאָמוניסט ראָנדל איז „צופיל פּערזאָניפיצירט די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי“ (דאָס

אלץ האָבנ מיר אויכ אָפּגעצייכנט אינ אונדזער ארטיקל „א טריט פאָרויס" וועגנ דער פאָעמע „ניט געדײַגעט", זע „אָקטיאבער", נומ. 214—215, 1930).

פונ דער רעצענזיע איז אויכ צו זענ, אז די פיעסע איז אינ אלגעמיינ פאָליטיש מער פארשארפט ווי די פאָעמע, אז דער קולאק איז דאָ געגעבנ געוואָרנ בולעטער אונ דער וועג זײַנער — איז א מער אָרגאנישער, מער דינאמישער. אז דער אגראָנאָם ווערט דאָ געגעבנ לאכלוטנ אנדערש ווי אינ דער פאָעמע: ניט ווי אנ איבערגעגעבענער סאָוועטישער טוער, נאָר אנ אגראָדזשאָינטישער אגראָנאָם מיט „אינטעליגענטישער צעקראָכנקײַט אונ פריוואט־איינגנטימערישער רעאקציאָנערישקײַט". דאָ זײַנענ אויכ צוגעקומענ אייניקע העלדנ, וואָס אינ דער פאָעמע זײַנענ זיי ניטאָ (קאסריעל דער אָנגעשטעלטער, דער בודיאָנאָוועצ אונ אנד.). דער אלגעמיינער אויספיר: „צוליבנ גרויסנ געפיל פונ סצענישנ טאקט אונ דראמאטורגישנ סאָס, וואָס מארקיש האָט ארויסגעוויזנ אינ דער דאָזיקער פיעסע... דארפ עס, אָנ סאָפעק, אָפּגעשאצט ווערנ ווי א געלונגענער פרווו, ווי א גוטער אָנהייב".

* * *

וועגנ דער שטעלונג פונ דער זעלבער פיעסע אינ מאָסקווער מעלוכישנ ייִדישנ טעאטער האָבנ מיר א רעצענזיע פונ כ' נוסינאָוו. די רעצענזיע (אָפ וויפל עס גייט א רייד נאָר וועגנ דער פיעסע) איז נאָכ מער א פּאָזיטיווערע איידער כ' כאשינס: „ברייטער פארנעם, ריכטיקע אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונג. סאָציאלע אקטועלקײַט, רײַכע זאפטיקע מארקיש־שפראכ אונ בילדערישקײַט, פעסטקײַט אונ טרעפלעכקײַט פונ דיאלאָג" א. א. וו.

קיינ כעסרוינעס ווײַזט ער קימאט ניט אָנ, אכוץ דאָס, וואָס „עס זײַנענ בלאס אָנגעצייכנט די פיגורנ פונעם קאָמוניסט ראָנדל אונ דער קאָמיוגיסטקע" אונ דאָס וואָס אייניקע סצענעס זײַנענ ניט גענוג מאָטיווירט. אינ אלגעמיינ לייקנט אָפ דער כ' נוסינאָוו א ריי פעלערנ פונ דער פיעסע, אָפ וועלכע עס ווײַזט אָנ דער כ' כאשינ (נאציאָנאלע אָפּגעגרענעצטקײַט אונ אז. וו.).

כ' דאמעסעק רעדט אינ זײַנ רעצענזיע וועגנ דער פיעסע, וויאזוי זי איז געשטעלט געוואָרנ (אינ מינסק) פונ כארקאָווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער. אויכ אָפ די רעצענזיע רעדט וועגנ דער פיעסע גאנצ פּאָזיטיוו. כ' דאמעסעק פארגלײַכט די פיעסע מיט די שילדערונגענ פונעם „באזעצנ ייִדנ אָפ ערד" „פונ די בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע גאסטראָליאָרנ פונ אויסלאנד", מיט „די אידיליעס פונ „מילכ אונ האָניק" אונ „ייִדישער מעסירעס־נעפעש" פונ די נאָמבערגס, גלאזמאנס אונ זינגערס אונ אויכ אייניקע פונ אונדזערע אייגענע שרײַבער, וועלכע האָבנ געקרענקט אָפ דער זעלבער קרענק, וואָס איז דער הייפעכ פונ דעם „רעאל־לעבעדיקנ בילד פונ קאמפ אפנ וועג פונ דער קאָלעקטיוויזאציע אינ דער לאנדווירטשאפט", אונ דאָס באווײַזט אונדז מארקיש. אָפ דער פראגע: צי האָט דער אוטער „ריכטיק אָנגעטאפט דעם דייפעק פונ רעקאָנסטרוקטיוונ פעריאָד אונ די פארשארפטע קלאסנ־שלאכטנ אפנ קאָלעקטיוויזאציע־פראָנט" גיט דער כ' דאמעסעק א פּאָזיטיוונ ענטפער.

כ' דאמעסעק ווײַזט נאָר אָנ אָפ דעם שוינ באמערקטנ פעלער (וועגנ וועלכנ עס ריידנ אויכ די פריערדיקע רעצענזענטנ), אז „די פארטייִשע אונ



קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס זײַנענ ניט אינ צענטער פונ דער אָנפירונג מיטנ קאָלעקטיוו" אינ מארקישעס פיעסע, אונ נאָכ אָמ דעם, וואָס אינ דער פיעסע איז געגעבנ געוואָרנ בלויז „די ערשטע סטאדיע פונ די באלעבאטישע ארויסטרעטונגענ קעגנ דער קאָלעקטיוויזאציע", עס איז ניט געוויזנ געוואָרנ „די הויפּט־שטרעבונג פונ באלעבאטים ארונטערצורײַסנ דעם פּראָלעטארישנ צוזאמענשלוס פונ שטאָט אונ דאָרפ". אונ ווידער — אז אינ דער פיעסע זעענ מיר ניט די פעדים, וואָס ציִענ זיכ פונ אונדזער דאָרפ צום פּראָלעטארישנ צענטער.

ניט געקוקט אָמ דעם, וואָס די אָפּשאצונגענ פונ מארקישעס ערשטער פיעסע מיצאד די באזונדערע רעצענזענטנ פאלנ ניט גאָר צונויפ, אָדער זײַנענ זיכ אפילע סויסער (נוסינאָווס רעצענזיע), האָבנ זיי דאָכ געמיינזאמעס דאָס, וואָס קיינע פונ זיי איז ניט גענוג קאָנקרעט אונ דעריבער ניט גענוג איבערצײַגנדיק. זיי איבערצײַגנ אונדז נאָר אינ דעם, אז בא אונדז האָט מענ זיכ נאָכ ניט צוגעוווינט פונ צוגיינ צו א טעאטער־רעצענזיע מיטנ זעלבנ ערנסט ווי צו א ליטעראריש־קריטישנ ארטיקל, כאָטש אויכ דאָ פיגורירט א ליטעראריש ווערק אונ די רעצענזיעס ווערנ געשריבנ פונ ליטעראטנ.

דאָס וואָס א ספעקטאקל שטעלט מיט זיכ פאָר אנ אייגנארטיקנ קאָמפּלעקס, אינ וועלכנ עס גייענ ארײַנ עלעמענטנ פונ פארשיידענע מינים קונסטנ, דאָס וואָס מיר האָבנ דאָ פאר זיכ כוץ דעם ליטערארישנ טעקסט (אָפטמאָל — ניט אזוי דעריקער דעם ליטערארישנ טעקסט) אויכ מוזיק, טעאטער־שפּיל אונ אז. וו. מאכט די אויפגאבע פונ רעצענזענט נאָכ שווערער אונ ערנסטער. אינ די דערמאָנטע רעצענזיעס (זיי זײַנענ דאפקע ניט פונ די ערגערע מוסטערנ, מיט וועלכע מיר באגעגענענ זיכ) באנוגנט מענ זיכ נאָכ אלצ מיט אייניקע ווערטער וועגנ יעדנ עלעמענט פונ ספעקטאקל באזונדער. די געדאנקענ ווערנ ניט גענוג אַנטוויקלט אונ מיט גאָרניט דערוויזנ. מאכנ זיי טאקע אלע דעם אײַנדרוק פונ... אײַנדרוקנ. מער צי ווייניקער קוואליפיצירט־אָנגעשריבענע אײַנדרוקנ פונ צושויער, אָפ וועלכנ מע קענ זיכ פארלאָזנ, וועמענ מע קענ גלויבנ, אָדער טרויענ, אָבער וועלכע מע קענ אויכ ניט גלויבנ אונ ניט טרויענ.

ווי עס איז צו זענ, האָט אונדזער קריטיק פאר די לעצטע פאָר יאָר אָפּגעצייכנט א באדײַטנדיקנ וווקס בא מארקישנ.

דער וווקס באשטייט ניט נאָר אינ דעם, וואָס מארקיש האָט געמאכט באדײַטנדיקע טריט צו דערנענטערנ זיכ צו אונדזער סאָציאליסטישער בויונג, אונ רעוו. ווירקלעכקײַט ביקלאל; צוזאמענ מיט דעם דארפ מענ אָפּצייכענענ אויכ א היפשנ, אזוי צו זאָגנ, „ריינ שעפערישנ" וווקס. די אָנשטרענגונגענ, וואָס מארקיש מאכט אָפ צו דערנענטערנ זיכ אונ באהערשנ די פּראָלעטארישע אידעאָלאָגיע, האָבנ גלײַכצײַטיק געבראכט צו דעם, אז מארקישעס נײַסטע ווערק („ניט געדײַגעט"), כאָטש עס פארמאָגט נאָכ א היפשע פּאָרציע סכעמאטישקײַט, נאציאָנאל־באפארבטע ראָמאנטיק א. א. וו. — איז דאָכ א באדײַטנדיקער קינסטלערישער טריט פאָרויס לעגאבע די פריערדיקע ווערק. באזונדערס איז דאָס צו מערקנ אינ פראגע פונ קאָמפּאָזיציע, די פּאָעמע איז מער איינהײַטלעכ געבונדנ, מער פארגאנצט, די געשטאלטנ — פארביקער אונ בלוטפוליקער איידער די פריערדיקע.

מיר האָבנ געגעבנ אנ איבערזיכט איבער די וויכטיקסטע ארטיקלענ אינ

ארויסזאָגונגען, וואָס מיר האָבנ אינ אונדזער סאָוועטישער ליטעראטור וועגנ מארקישנ. ווי געזאָגט, האָבנ מיר ניט געשריבנ אויסשעפנ אלצ, וואָס איז פאראנ וועגנ דעם. מיר האָבנ דורכגעלאָזנ אנ ארטיקל פונ רײַלאנד אינ „באַגינענ" אונ נאָכ אייניקע אנדערע. צוליב דעם, וואָס מיר געפינענ דאָרט ניט קײנ פרינציפּיעלע נײַס.

די דאָזיקע ארבעט האָט, ווי אונדז שײַנט, ניט נאָר א באדײַטונג פאר דער־לערנענ אײנעמ פונ אונדזערע ערשטע, פּראָדוקטיווסטע אונ טאלאנטפולסטע סאָוועטישע שרײַבער. אינ א געוויסער מאָס קענ מענ פונ דעמ דאָזיקנ איבערזיכט זענ דעמ אנטוויקלונג־וועג פונ דער ייִדישער נאָכ־אָקטיאבערישער קריטיק.

אפנ קאָנקרעטנ בײַשפּיל פונ דער מארקיש־קריטיק קענענ מיר זענ, ווי אונדזער מארקסיסטיש־לענינישע קריטיק האָט זיכ דורכגעשלאָגנ א וועג דורכ די פארשיידנערליי פאָרשטייער פונ בורזשואזע, קליינבירגערלעכע ליטעראַרישע שולנ אונ ריכטונגענ, אינ קאמפ מיט אָט די ריכטונגענ (נאציאָנאלער עסטעטיזמ, פאָרמאליזמ, קולטור־היסטאָריזמ א. א. וו.). מיר האָבנ דאָ אויכ די אָפּאָרטוניס־טישע אָפּנייגנ אונ וואקלענישנ (ליטוואקאָוו, נוסינאָוו), פעלערהאפטע אײַנ־שטעלונגענ אונ פאָרמולירונגענ (בראָנשטיינ, דונעצ א. אנד.) אינ די רייענ פונ דער מארקסיסטישער קריטיק גופא. איצט איז ניט איבעריק דאָס אלצ צו דיסקוטי־רנ, קעדײַ מיט מער דערפאָלג, ווי ביז איצטער, פארווירקלעכנ די שווערע אונ פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבע פונ שאפנ די מארקסיסטישע געשיכטע פונ דער ייִדישער ליטעראטור, קעדײַ אויפהויבנ אונדזער קריטיק אפ א העכערנ ניוואָ, אפ דער אויסגעהאלטענער, אויסגעפרווטער מעטאָדאָלאָגישער באזע פונ מארקסיזמ־לעניניזמ.

פּ. ס. דער איבערזיכט איז אָנגעשריבנ געוואָרנ מיט דרײַ יאָר צוריק. עס איז דאָ ווייניק באלויכטנ מארקישעס „ניט געדײַגעט". מארקישעס בוכ „פאר־קלעפּטע ציפערבלאטנ" (1930) האָבנ מיר אויכ ניט בארירט, אָבער שוינ באַ־וווסטזיניק, אפ וויפל עס שטעלט מיט זיכ פאָר, אינ זײַנ איבערוועגדיקנ טייל, א זאמלונג פונ אלטע לידער, פארעפנטלעכטע אינ זײַנע פריִערדיקע לידער־זאמלונגענ („שוועלנ", „פּוסט אונ פּאס", „סטאמ", „ראדיאָ" אונ אנד.).

פאר די לעצטע דרײַ יאָר (1931—1934) האָט דער כ׳ מארקיש אנטוויקלט א גרויסע, אינטענסיווע ליטעראַרישע ארבעט. עס זײַנענ דערשינענ די ביכער „וואָכנטעג", די 2 (דערווײַלע) בענדער פונ מארקישעס געזאמלטע ווערק (ב. I אונ V) אי א גרויסע צאָל באזונדערע לידער. דאָס אלצ רעדט, אָנ שום ספק, וועגנ מארקישעס ווײַטערדיקנ אידייִש־קינסטלערישנ וווקס. אָבער די קריטיק אונדזערע האָט אפ דעמ אלעמענ נאָכ קיינ קימאט ווי ניט רעאגירט. דאָס איז איינער פונ די פילצאָליקע באווײַזנ וועגנ אָפּשטייג פונ אונדזער קרי־טיק. דער דאָזיקער וויכטיקער פעריאָד אינ מארקישעס שאפנ פאָרדינט א באַ־זונדער אָפּהאנדלונג.

י. סערעבריאני

# צו דער פּראָבלעמ פונ אזויגערופענעמ „קיִעווער פעריאָד" אינ דער ייִדישער נאָכ־אָקטיאבערדיקער פּאָעזיע

(מאטעריאלנ)

דער פארשפּרייטער באגריפ „קיִעווער פעריאָד" אנטשפּרעכט ניט, פארשטייט זיכ, אונדזער מארקסיסטיש־לענינישנ באנעמענ ליטעראטור־פּראָצעסנ. עס זײַנענ דאָכ אײַנגאנצנ ניט באלויכטנ געוואָרנ: די גרענעצנ פונ אָט דעמ פעריאָד, דער איבערפלעכט פונ קלאסנקאמפ, וואָס פארפילט אָט דעמ פעריאָד, זײַנ סאָציאלער מעהוס, זײַנ פארבינדונג אונ רעאַליע אינ דער גאנצער פארבאנדישער נאָכ־אָקטיאבערדיקער ייִדישער ליטעראטור א. אז. וו. יענע באאָבאכטונגענ, וואָס עקזיסטירנ ביזנ הײַנטיקנ טאָג וועגנ אָט דעמ פעריאָד טראָגנ אינ זייער גרעסטנ טייל אנ אויסערקלאסעווג, אָפטמאָל א געאָגראפישנ כאראקטער אונ בעמיילע זײַנענ זיי ניט אימשטאנד וויפל ניט איז וויסנשאפטלעכ־ארטיקולירט, שוינ ניט ריידנדיק וועגנ אנ ערנסטער מארקסיסטיש־לענינישער אלזײַטיקער באהאנדלונג, אויפדעקנ דעמ פאר אונדז זייער וויכטיקנ ליטעראַריש־געשיכט־לעכנ פעריאָד.

די „קיִעווער טקופע" (באנוצנדיק דערווײַל אָט דעמ טערמינ), אויב מע זאָל זי רעכענענ פונ ערשטנ זשורנאל „אייגנס" (1918), אונ אויב מע זאָל זיכ דער־ווײַל באנוגענענ מיט אוקראַינע, הייבט זיכ נאָכ אָנ פונ ביז דער ענדגילטיקער פארפעסטיקונג פונ דער סאָוועטנמאכט אפ אוקראַינע. אזוי ארומ, אויב מע זאָל באטראכטנ די קיִעווער (אונ ביכלאל די אוקראַינישע) ליטעראטור אָפּגע־ריסנ פונ דער אלפארבאנדישער ייִדישער ליטעראטור, וועט אויסקומענ די קיִעווער נאָכ־אָקטיאבערדיקער טקופע אָנהייבנ ערשט פונ יאָר 1919. גראָד אינ דעמ יאָר הייבט זיכ אָנ אינ קיִעוו, מיטנ קומענ פונ דער סאָוועטנ־מאכט, פארשפּרייטנ די לעגאלע קאָמוניסטישע פּרעסע, די קאָמוניסטישע פאר־לאג־ארבעט. עס ליקווידירנ זיכ די קליינבירגערלעכע, מענשעוויסטישע אונ האלב־מענשעוויסטישע, ציִוניסטישע אונ האלב־ציִוניסטישע צײַטונגענ אונ זשורנאלנ, אונ וואָס עס איז נאָכ וויכטיק צוצוגעבנ, עס הייבנ זיכ שוינ אָנ אפילע פּרווונ צו אָרגאניזירנ א „פּראָלעטקולט", אונ אינ אָנהייב 1920 ווערט סאקע